STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02648

DER GROYSER YID

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
גרויסער איד

א דראמא אין פיער אקטען

— פון —

לעאָן קאָברין

נאָכדרוק פערבאָטען

היברו פאָבלישינג קאָמפּאני
83־85 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY
83-85 Canal Street, New York.

THE GREAT JEW

by

LEON KOBRIN.

Copyright 1911

Hebrew Publishing Company.

New York.

פערזאָנען:

דאָקטאָר משה מיימאנאָוו, א נאַציאָנאַליסט, 45 יאהר.
חוה, זיין פרוי, 27 יאהר.
שיינדעלע, זייער קינד, 7 יאהר.
ישראל מנגן, 65 יאהר אַלט, מיימאנאָוו׳ם פאָטער.
צפורה, א דיענסט ביי מיימאנאָוו.
מאַשאַ, חוה׳ס שוועסטער, 28 יאהר.
באָרים, איהר מאַן, די זעלבע יאָהרען.
אברהם׳צע שענקמאַן, א פאַבריקאַנט, חוה׳ס פאָטער, 55 יאָהר.
שמערל דער שניידער, 60 יאָהר.
גדליהו, אַן ארבייטער, 45 יאָהר.
וואָלפערט, א בעריהמטער וויאָלינִיסט, 30 יאָהר.
זאכאַר, א בונדיסט.
מיכאַאיל, א רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַט.
אָרציק׳ל, 12 יאָהר אַלט, א מיטגליעד פון „קליינעם בונד.״

עס האנדעלט אין די לעצטע יאָהרען, אין א גרויסער אידעשער שטאָדט אין רוסלאַנד.

אויפגעשריעבען געוואָרען דעם זומער, 1906, און אויפגעפיהרט געוואָרען צום ערשטען מאָל דעם זעלבען יאָהר, סוכות, אין „אדלער טהעאַטער.״ הערר יאַקאָב פּ. אדלער האט געשפּיעלט דאָקטאָר מיימאנאָוו און זיין פרוי, מאַדאַם אדלער—חוה׳לען.

JOSEPH/HELEN SCHERR
109 RYE HILL CIRCLE
SOMERS, CONN. 06071

ערשטער אקט

(ביי דאָקטאָר מיימאנאָוו אין הויז. פארנאכט. א גרויסער זאַל מיט קאווייאָרען. א טיש און קרעסלאָס. לינקס א ראָיאַל מיט א זיל־בערנעם קאַנדעליאַבער אויף איהר. א קאַמין ברענט. נעבען טיש, אויף וועלכען עס שטעהט א גרויסער לאָמפּ מיט א ראָזאָווען קאָל־פּאַק, זיצט שיינדעלע, 7 יאָהר אַלט, א ליעב מיידעלע, מיט א רויטער לענטע אין די האָר, זיצט אָנגעשפּארט דאס קעפּעל אויפ'ן עלענבויגען און הערט זיך צו פּאַרטראַכט צו ישראל'ק מנגן, א דארער איד, א יאָהר 65, מיט א קליין ווייס בערדעל, וואס רעדט צו איהר מיט בעגייסטערונג, דאָ זעצענדיג זיך נעבען איהר אין קרעסלאָ און באַלד אויפשפּרינגענדיג פון אָרט און ווידער זעצענדיג זיך און דרעהענדיג דערביי מיט די הענד און מיט'ן גאַנצען קערפּער.)

ישראל: יע, פייגעלע מיינס, אז איך, דיין זיידעניו, האב זיך אַמאָל צוגאָסען מיט מיין „שטייגער,“ מיט מיין „גוסט“ — האָסטו אַמאָל געהערט, ווי א האַרציג פיעדעלע צוגיעסט זיך: טיאָ־אָך־טיאָך? אָט אזוי האט זיך געגאָסען מיין שטייגער אויף!.... עהע, ציפּליאָניקעל מיינס!... (זעצט זיך אויף א קרעסלאָ.) האָסטו געהערט? א קאַטאָוועס, דיין זיידעניו ישראל מנגן'ס א דאַווענען! (שפּרינגט ווידער אויף פון אָרט.) גאַנצע קהילות אידען האב איך צובראָכען מיט מיינע שטיקלאָך.... הערצער האבען געציטערט, נשמות האבען געפּלאָטערט.... האָסטו געהערט? (פערלייגט די האנד הינטער'ן רוקען, געהט דורך דעם זאַל הין און צוריק און הייבט אָן צו זאָגען מיט א סך געפיהל.) יעלה תחנונינו מערב, ויבוא שועתינו מבוקר! (שטעלט זיך געגען איהר, שטרעקט אויס צו איהר די הענד,

ברעכט זיך אונטער און רעדט צו איהר מיט דעם זעלבען ניגון, ווי ער זינגט זיין יעלה.) דו הערסט, ציפליאניקעל, ווי זיס, ווי הארציג? הער, פייגעלע מיינס, ווייטער! ויבוא שועתינו מבוקר, ויראה רנונינו עם ערב! (צוהוסט זיך שטארק און שאקעלט מיט'ן קאפ.)

(חוה, א יאהר 27 אלט, אין א שווארצען קלייד, אהן שום בע־פוצונג, קומט אריין מיט א צייטונג אין די הענד, זי בלייבט שטעהן, ווען זי דערזעהט, ווי ישראל'קע הוסט.)

חוה: איהר הוסט נאך אלץ, שווער?

שיינדעלע: (טהוט זיך א ווארף צו איהר) מאמא, דער זיי־דעניו האט נאך מיט מיר ניט געלערנט!

חוה: נו, וועט ער מיט דיר שפעטער לערנען, מארגען! (קושט זי.)

שיינדעלע: ניין, איך וויל באלד. איך האב דעם פאפעלע פערשפראכען, אז איך וועל היינט מיט דעם זיידעניו לערנען א גאנ־צען קאפיטעל ישעיהו! מאמא, איך וויל ניט דער פאפעלע זאל מיי־נען, אז איך בין ניט קיין גוט קינד.

חוה: דו ביזט זעהר א גוט קינד, שיינדעלע!

ישראל: אט באלד, באלד, ציפליאניקעל, וועל איך מיט דיר לערנען. (הוסט.) אוי, חוה'לע, מיט מיין כלי איז מיאוס, זי ווערט ביי מיר שטארק קאליע, ניט פיר דיר געראכט. (שאקעלט מיט'ן קאפ.)

חוה: איהר האט זיך מסתמא פערקיהלט, שווער. איהר האט געדארפט זאגען מאאיסעיען, ער זאל אייך פערשרייבען א רעצעפט.

ישראל: אוי, חוה'לע, וואס פערשטעהט משה'ניו פון א חזנישע קריינק, ניט פיר דיר געראכט? ער איז טאקע א גרויסער דאקטאר, דיין מאן, אבער ניט צו א חזנישע כלי, וואס איז קאליע געווארען. האסטו געהערט?

חוה: נו, דאס לעבען דארפט איהר זיך פון דעם ניט נעה־מען, שווער. עס וועט מסתמא פאראיבערגעהן. ניט דאס ערשטע מאל, אז איהר הוסט.

ישראל: פריהער, אז איך האב געהוסט, האט מיר געהאלפען

א גאָגעל־מאָגעל, צו חלב אונטער דער נאָז, צו גאָר א זאָק מיט וואַ־רעמע אַש ארום האלז, אצינד אבער העלפט עס מיר ניט, חוה'לע. א שלעכטער סימן, טאָכטער'ל, א סימן, אַז זי וועט ביי מיר אַלט, פארזשאַווערט, מיין כלי. אַט הער, אדרבה, דו ווייסט דאָך אויך עפּעס, וואס איז א ריכטיגער טאָן. דו ביסט דאָך אַליין א מיידים אויף דער פּאָרטעפּיאַנאָ. (פארלייגט די האנד אונטער'ן גאָרגעל און הייבט אָן צו זאָגען.) יעלה תחנונינו מערב ויבוא שועתינו מבוקר! (ברעכט זיך אונטער.) דו הערסט עפּעס, חוה'לע, אין מיין כלי?

חוה: איך הער גאָר נישט, שווער.

ישראל: און איך הער. א פארזשאַווערטען טאָן הער איך אין מיין כלי, א חורבן אין האלז.... (זיפצט.)

חוה: דאס דאכט זיך אייך, שווער. אייער שטימע איז נאָך יעצט אויך געגוג זיעס!

ישראל: (מיט התפעלות) יע, חוה'לע? דו מיינסט עס אָהן א קאַטאָוועס? נו, אַז דו זאָגסט, אַז עס איז זיעס, איז זיעס. דו ביזט דאָך אַליין א גרויסע מבין'טע, לעבען זאָלסטו, טאָכטער'ל.... חוה'לע, איך וועל דיר עפּעס בעטען, טהו מיר א טובה....

חוה: וואס, שווער? מיט פערגניגען וועל איך פאר אייך טהאָן... אויב איך וועל נאָר קענען.

ישראל: חוה'לע, נעהם ארויף מיינס א שטיקעלע אויף דער פּאָרטעפּיאַנאָ. איך וויל, דו זאָלסט פּרובען מיין כלי.

חוה: פיליכט זאָלען מיר עס לאָזען אויף שפּעטער, שווער? איך וויל איצט איבערלעזען די צייטונג „דאס נייע וואָרט." עס איז דאָרט דאָ מאָאיסעי'ס ארטיקעל וועגען אונזערע גבירים, וואָלט איך עס וועלען פריהער איבערלעזען.

ישראל: נו, זאָל זיין שפּעטער. דו ביזט גערעכט, משה'ניום אָן ארטיקעל איז בילכער צו לייענען, ווי מיין כלי צו פּרובען.

שיינדעלע: זיידעניו, קום לערנען דאס קאַפּיטעל ישעיהו! פּאַפּאַ וועט באַלד קומען.

ישראל: נו, נו, קום טאַקע, קום ציפּליאַניקיל, מיר וועלען לערנען. האסטו געהערט? אין גאַנצען איהר טאַטע. (געהט מיט איהר צו צום טיש.) חוה'לע, איך וועל מיט דעם ציפּליאַניקעל אבי־

סעלע לערנען, און דו לעז דערווייל איבער משה'ניום ארטיקעל. (חוה נעהמט נעהן צום טהיר לינקס, ער רופט:) חוה'לע! (זי שטעלט זיך אפּ.) מיינסט טאקע אויף אן אמת, אז מיין כלי איז נאך זיעס?

חוה: געוויס, שווער! (אב אין טהיר לינקס מיט דער צייטונג.)

ישראל: (צופריעדען) נו, ציפּליאַניקעל, אז דיין מאמע זאגט זיעס, איז מסתמא זיעס! אוי, אז געזונד זאל זיין דיין מאמעניו מיט דיין טאטעניו. ער איז א צדיק, זי א צדקניות. געלויבט איז השם יתברך פיר'ן נחת. (עפענט דעם תנ"ך אויפ'ן טיש.) נו, וואו האלטען מיר? קאפּיטעל סב... אט דא! נו, זאג, ציפּליאַניקעל, אבער מיט חשק און מיט א ניגון, אט ווי אן אינגעלע אין חדר!...

שיינדעלע: למען ציון לא אחשה — צוליעב ציון וועל איך... וועל איך...

ישראל: (כאפּט אונטער) צוליעב ציון וועל איך ניט שוויי־גען, ציפּליאַניקעל. ולמען ירושלים... נו, זאג זשע, פייגעלע.

שיינדעלע: ולמען ירושלים לא אשקט — און צוליעב ירושלים...

ישראל: וועל איך ניט רוהען...

שיינדעלע: וועל איך ניט רוהען... לאז מיך, זיידעניו, איך קען אליין! ולמען ירושלים לא אשקט — און צוליעב ירושלים וועל איך ניט רוהען, עד יצא כנגה צדקה, ביז איהר גערעכטיגקייט וועט ארויסקומען ווי דער גלאנץ פון דער זונן. וישועתה כלפיד יבער — און איהר רעטונג וועט ווי א פאקעל ג:יהען.

ישראל: נו, קענסטו דאך, ציפּליאַניקעל!

שיינדעלע: פאפּעלע האט נעכטען ביי נאכט מיט מיר אט דעם קאפּיטעל געלערענט און האט מיר געזאגט, איך זאל איהם היינט מיט דיר נאך אמאל לערנען. געדענק איך איהם.

ישראל: אוי, אוי, א וואויל קעפּעלע האסטו, ציפּליאַניקעל, א שאד וואס דו ביזט ניט אן אינגעלע. האסטו געהערט? נו, זאג ווייטער!

שיינדעלע: וראו גוים צדקך וכל מלכים כבודך — און זאלען אלע פעלקער זעהן דיין גערעכטיגקייט, און אלע קעניגע דיין הערליכ־

קייט. וקרא לך שם חדש — און זיי וועלען דיך מיט א נייעם נאָמען רופען, אשר פי ה' יקבנו, וואס גאָט'ס מויל אַליין וועט דיר בעשטי־מען... והיית עטרת תפארת ביד ה' — איז דו וועסט זיין א שעהנע קרוין אין דער האנד פון דעם עוויגען, וצניף מלוכה בכף אלהיך — און א קעניגליכער קאָפּף־באַנד אין דער האנד פון דיין קעניג... לא יאמר לך עוד עזובה — מען וועט שוין מעהר אויף דיר, ירושלים, ניט זאָגען, אז דו ביזט א פערלאָזענע, ולארצך לא יאמר עוד שממה — און אויף דיין לאַנד וועט מען מעהר ניט זאָגען, אז עס איז א וויסטע — כי לך יקרא חפצי־בה — וואָרים מען וועט דיך רופען: מיין לוסט צו איהר. וארצך בעולה — און דיין לאַנד, ירושלים, וועט צוריק קריעגען איהר מאַן...

ישראל: פערשטעהסטו, וואס דער נביא מיינט, ציפּליאָניקעל? ער מיינט דאס אייגענע, וואס דיין טאַטעניו זאָל לעבען. (מיט א ניגון און מיט התלהבות) היות, ווי ירושלים אָהן דעם פאָלק ישראל איז געגליכען צו א וואס? צו א וויסטע, פערלאָזענע לאַנד, זאָגט אויף דעם ישעיהו הנביא, אז ניט אייביג וועט ירושלים אזוי צושיידט זיין מיט ישראל'קען. עס וועט קומען א צייט, ווען ירושלים וועט זיך צוריק משדך זיין מיט דעם אַלטען ישראל'קען און דעמאָלט, ציפּ־ליאָניקעל, אוי, דעמאָלט... פערשטעהסטו, ברעקעלע מיינס?...

שיינדעלע: וואס, זיידעניו?

ישראל: דעמאָלט, שיינדעלע, וועט זיין, ווי דיין טאַטעניו זאָגט: דער אַלטער ישראל'קעל וועט שוין דעמאָלט מעהר ניט וואוי־נען אין שכנות ביי מענשען, וואס ווילען איהם ניט האַלטען אין זיי־ערע דירות; ער וועט דאַן האָבען זיין אייגען היים, זיין שעהן, ליכ־טיג היים און אין זיין בלוט וועלען זיך די רשעים מעהר ניט באָדען. האָסטו געהערט?

שיינדעלע: זיידעניו, וועט פּאַפּעלע א שעהן הויז האָבען אין ירושלים?

ישראל: דאס שעהנסטע הויז, ציפּליאָניקעל! ווייל דיין טאַטע איז א גדול בישראל. דו הערסט, פייגעלע? אז הערצעל האט געלעבט, איז ער געווען דער גרעסטער גדול בישראל, און אז הערצעל איז געשטאָרבען, איז דיין טאַטעניו, דאָקטאָר משה מיימאָנאָוו, גע־

בליעבען דער גרעסטער גדול בישראל. אפשר וועט מען איהם נאָך מאַכען פיר דעם קיסר אין ירושלים... האָסטו געהערט?

שיינדעלע: (פּאַטשט אין די הענד מיט שמחה) פּאַפּעלע וועט זיין א קיסר אין ירושלים! פּאַפּעלע וועט זיין א קיסר. און דו, זיידעניו?

ישראל: איך? עט! וואס בין איך? א פשוט'ער ישראל! איך בעט נור ביי גאָט, מיין זוהן זאָל קריעגען דעם כבוד, וואס ער פערדיענט, און איך אַליין זאָל די זכיה האָבען כאָטש איינמאָל ביים עמוד דאַוונען אין ירושלים, און נאָכדעם כאָטש שטאַרבען. אוי, וואָלט איך דאָרט אוועקגעלעגט א דאַוונען, ציפּליאַניקעל מיינס. זינט חורבן בית שני האט מען נאָך אַזא דאַוונען ניט געהערט! אוי, אוי, האָסטו געהערט?

(מען קלינגט.)

(צפורה, די דיענסט, אַן אַלטע פרוי פון א יאהר 50, קומט אריין.)

צפורה: דער דאָקטאָר איז נאָך ניטאָ? א פולע שטוב מיט חלאים וואַרטען דאָרט אויף איהם.

ישראל: זאָג זיי, אַז דער דאָקטאָר וועט באַלד קומען, און וועט זיי אַלעמען געזונד מאַכען.

צפורה: (בורטשעט) געזונד מאַכען! דערוויילע הוסטען זיי דאָרטען און שפּייען, און כראַקען און קרעכצען, אַן אמת'ער שפּיטאָל!

ישראל: וואס דען האָסטו געוואָלט, צפורה, זיי זאָלען זינגען? האָסטו געהערט?

צפורה: איך האב געוואָלט, אַז א גאַנצען טאָג זאָל די שטוב ניט זיין קיין שפּיטאָל! איהר מיינט, עס איז אַזא נחת צו הערען, ווי מען הוסט און ווי מען קרעכצט, און צו רייניגען, וואָס יענער כאַרקעט אָן?

ישראל: איך מיין, אַז דו ביסט א אידענע, צפורה!

צפורה: א אידענע, א אידענע! איך בין שוין אכט יאָהר ביים דאָקטאָר אין הויז, זייט ער האט חתונה געהאַט, און נאָך אַזא תוהו ובהו, ווי אַצינד, איז דאָ קיינמאָל ניט געוועָן. דער דאָקטאָר איז דאָרטען פערטהאָן מיט זיינע זאַכען, מיט די אַסיפות, מיט זיין

צייטונג, און דאָ קומען דערוויילע די חולאים. זאָל ער אָפּמאַכען א צייט, ווען זיי זאָלען צו איהם קומען, צו אין דער פריה, צו ביי נאַכט. א גאַנצען טאָג וויל איך ניט האבען קיין חולאים אין שטוב!

ישראל: דו ווילסט ניט האבען? אוי, געה שוין געה, דו רעדסט ווי אַן אידענע. זאָלסטו מיר מוחל זיין, דער דאָקטאָר טהוט, ווי ער פערשטעהט, און דו מיש זיך ניט, ניט דיין זאַך!

צפורה: ניט מיין זאַך? האָסטו געזעהן אויף דיין לעבען? און איך זאָג אייך, אז איך וואָלט געווען אביסעלע אינגער, וואָלט איך געטהאָן, וואס אַלע דיענסט-מיידלעך טהוען אצינד.

ישראל: דהיינו וואס? וואָלסט חתונה געהאַט?

צפורה: איך וואָלט געמאַכט א סטאַצקע!

ישראל: וואס?

צפורה: יע, יע, איך וואָלט געמאַכט א סטאַצקע. איך וואָלט אריעבער געגאַנגען צום „בונד" און וואָלט זיי דערצעהלט די גאַנצע מעשה, און זיי וואלטען שוין אריינגעשיקט צום דאָקטאָר א סטאַצקע. אַט אזוי טהוען אצינד אַלע דיענסט-מיידלעך. מיר זיינען אויך מענשען, ר' ישראל'ק, ניטאָ אַמאָליגע יאָהרען, אצינד איז א דיענסט-מיידעל אויך א מענש!

ישראל: (מיט א שמייכעל) ווייסטו, ווי מען האט גערופען משה רבינו'ס ווייב?

צפורה: אודאי, ווייס איך; איהר נאָמען שטעהט דאָך אין טייטש-חומש. צפורה האט מען זי גערופען.

ישראל: זעהסט, דו ווייסט, א אידענע א למדן. פרעג איך דיך טאַקע, צפורה לעבען, מה — פאַרוואָס איז יענע צפורה געווען א לייטעשע, קלוגע אידענע, און דו, צפורה, ביזט א אידענע א הולטייקע? (מען קלינגט.)

צפורה: (טהוט זיך א כאַפּ) מען קלינגט שוין ווידער! מסתמא ווידער עפּעס א חולה! איהר זאָגט, איך בין א הולטייקע? גוט, איך וועל היינט רעדען מיט דעם דאָקטאָר. אויב איך בין א הולטייקע, דאַרף איך ביי איהם ניט זיין, וועל איך מאַכען א סטאַצקע! (אָב.)

(חוה קומט אריין מיט דער צייטונג פון טהיר לינקס.)

חוה: (עטוואס אויפגערעגט) שווער, איהר ווייסט, וואס מאַאיסעי וויל טהאָן?

ישראל: וואס?

חוה: ער וויל מאָרגען אין זיין ציטונג אָנפּאַלען אויף מיין פּאַפּאַ'ן!

ישראל: אויף דיין פּאַפּאַ'ן אָנפּאַלען?

חוה: איהר האט דאָך געהערט, אז זייט קרוזשעוואַן איז אהער געקומען, רעדט מען ביי אונז שטארק פון א פּאָגראָם. נעכטען איז וועגען דעם געגאַנגען א אידישע דעפּוטאַציע צום גובערנאַטאָר. מיין פּאַפּאַ איז אויך געווען אין דער דעפּוטאַציע און ער האט גערעדט צום גובערנאַטאָר פיר אַלעמען; איז מאַאיסעי דערפון שטארק אויפגערעגט. אָט הערט, וואס מאַאיסעי שרייבט דאָ אין זיין „דאס נייע וואָרט": (לעזט פון ציטונג) „ווער אונזערע אונבעקאַנטע שתדלנים זיינען און וועגען דעם מיאוסען, אומגעלומפּערטען ענטפער, וואס דער אָנפיהרער פון דער מה־יפית דעפּוטאַציע האט נעכטען געגעבען אונזער גובערנאַטאָר וועלען מיר רעדען מאָרגען." שווער, מיין פּאַפּאַ איז עס געווען דער אָנפיהרער פון דער דעלעגאַציע; ער האט עס געגעבען דעם ענטפער. מאַאיסעי וועט איהם זיכער בעליידיגען. עס וועט זיין א שרעקליכער סקאַנדאַל, ווען ער וועט עפענטליך בעליידיגען מיין פּאַפּאַ'ן. רעדט איהר איבער מיט איהם, שווער!

ישראל: איך זאָל רעדען מיט משה'ן? ניין, טאָכטער'ל, איך האב גאָר ניט די העזה צו רעדען מיט איהם וועגען אזוינע זאכען. אז ער טהוט, מסתמא ווייסט ער וואס ער טהוט! מיר האבען צו קליינע קעפּעלאך צו פערשטעהען משה'ניום מעשים. זאָג דו איהם אַליין.

חוה: (נאָך א קליין פּויזע) ניין, איך קען איהם ניט זאָגען, איך האב מורא, עס וועט איהם זיין אונאַנגענעהם.

ישראל: (צוגעגאַנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט) זעה, אָט איז ער דאָך אַליין, דער פּאַני דאָקטאָר!! ער עפענט די טהיר, און דיין שוועסטער מאשא געהט אויך אהער! (צו שיינדעלע'ן) ציפּ־ליאָניקעל, דיין פּאַפּקעלע געהט!

שיינדעלע: (שפּרינגט אויף) פּאַפּעלע, פּאַפּעלע! (אָב רעכטס.)

חוה: (אוועקגעלעגט די ציימונג) זי וועט איהם שטערען, ער וועט וועלען פריהער אריינגעהען צו די פּאַציענטען...

ישראל: אַט איך וועל זי צונעהמען! (שרייט) שיינדעלע, קום אהער, ציפּליאַניקעל מיינס, שטער ניט דיין פּאַפּקעלען. אוי, איז עס אַ פייגעלע, אַז אַ געזונד איהר אין הערצעלע אריין! (אָב רעכטס.)

(אויף דער ביהנע ווערט דונקעלער און דונקעלער. דער ברענעדיגער קאַמין ווארפט דונקעלע שאָטענס ארום זיך)

(מאַשאַ 28 יאָהר אַלט, עלעגאַנט געקליידעט, לויפט אריין.)

מאַשאַ: (פרעהלאַך) זדראַוסטוואוי, יעוואַטשקאַ!

חוה: זדראַוסטוואוי, מאַשאַ! (צוקושען זיך.)

מאַשאַ: יעוואַטשקאַ, איך האָב פיר דיר אַ נייעס. האָסטו געהערט, וואס פיר אַ גאַסט מיר האָבען יעצט אין שטאָדט? וואָל־פערט איז דאָ!

חוה: (טהוט זיך פלוצים אַ כאַפּ) וואָלפערט איז דאָ אין שטאָדט?

מאַשאַ: (מיט התפעלות) יע, ער אַליין, דער בעריהמטער פיעדעל־שפּיעלער וואָלפערט! דיין אַמאָליגער פרעדמעט... דער ליע־בער פּאַגראַמשציק פון דיין הערצעלע!

חוה: (אויפגערעגט) זייט ווען איז ער דאָ? ווער האָט עס דיר דערצעהלט?

מאַשאַ: מיין בּאַרים איז נעכטען געוועזען אין קלוב, האָט מען דאָרט גערעדט פון דעם קאָנצערט, וואס ער וועט דאָ באַלד געבען אין טהעאַטער. אָט וועלען מיר, יעוואַטשקאַ, הערען אַ קינסטלער!

חוה: (פערטראַכט) עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זע־הען, ווי קוקט ער יעצט אוים? מערקווירדיג, איך האָב איהם, דוכט זיך, שוין לאַנג פערגעסען, און דאָך פיהל איך...

מאַשאַ: דאָס הערצעלע קלאַפּט? לאָז זעהן! (לעגט צו

איהר האנד צו חוה'ס ברוסט.) כא, כא, כא! די אַלטע ליעבע טיאַכ־קעט דאָרט!

חוה: (טרעט אָב פון איהר) ביזטו משוגע? וואס פיר א ווערטער רעדסטו?

מאַשאַ: איך שפּאַס, יעוואַטשקא! איך וויים, אז דאס קליין הערצעלע דיינס קלאַפּט נור פיר דיין מאַן. וואס וועט אבער זיין, אז וואָלפערט וועט צו דיר קומען אויף בעזוך?

מאַשאַ: וועט ער ביי מיר זיין אַן אנגענעהמער גאַסט.

מאַשאַ: און דו האָסט ניט מורא, אז דו זאָלסט זיך ווידער אין איהם....

חוה: פערליעבען? כא, כא, כא! ווי וועניג דו קענסט מיך, מאַשינקא! איך בין דאָקטאָר מיימאַנאָוו'ס פרוי, און די פרוי פון דאָקטאָר מיימאַנאָוו קען זיך ניט פערליעבען אין קיין אנדער מאַן!

מאַשאַ: (שמייכעלט) די ליעבע איז אבער א גרויסע גנב'טע, שוועסטערקע, זי קריכט אמאָל אריין אונבעמערקט אין הארצען, און פּיקעט און פּיקעט מיט איהר שאַרף שנעבעלע... כא, כא, כא!

חוה: (שמייכעלט) אויב די ליעבע צו א פרעמדען מאַן האט אזא שאַרף שנעבעלע, ווי דו זאָגסט, וועט זי פריהער איהר שנעבעלע צוברעכען, איידער זי וועט צו מיין הארץ צוקומען. אַה, מאַשינקא, דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי פעסט עס זיצט אין מיין הארצען די ליעבע צו מיין מאַן!

מאַשאַ: אין אזוינע זאכען קען אונזער ווייבערשע פאָלק קיינ־מאָל ניט זיכער זיין. מיט 9 יאָהר צוריק, אז דו האָסט געליעבט אָט דעם זעלבען וואָלפערט'ן, האָסטו אויך געדענקט, אז די ליעבע צו איהם זיצט פעסט אין דיין הארצען. פון דעסטוועגען, אז דו ביזט נאָכדעם געוואָרען דאָקטאָר מיימאַנאָוו'ס פרוי, האט די ערשטע ליעבע געמוזט ארויסציהען פון דיין הארצען און די צווייטע האט אהין לייכט אריינגעצויגען.

חוה: ניט אזוי לייכט, ווי דו דענקסט. די ערשטע ליעבע, אז זי האט ארויסגעצויגען, האט מיט זיך גענוג בלוט מיטגענומען פון מיין הארצען, א סך טיעפע וואונדען דאָרט איבערגעלאָזט און נור אזא מאַן, ווי דאָקטאָר מיימאַנאָוו, האט זיי געקענט פערהיילען. יעצט אבער איז דאָרט שוין אלעס לאַנג רוהיג, פערהיילט... די ליעבע צו

יענעם, צו וואָלפערט׳ן, קומט מיר יעצט פאָר, ווי א טרוים, פון וועל־כען איך האב זיך שוין לאנג, לאנג אויפגעכאפט. ניין, מאשינקא, פיר דאָקטאָר מיימאנאָוו׳ס פרוי איז גאָר א בעליידיגונג צו דענקען פון.... (טהוט א מאך מיט א האנד און צולאכט זיך) איך דארף מורא האבען, איך זאָל זיך ווידער ניט פערליעבען אין וואָלפערט׳ן, איך ? ! אוי, געה שוין, משוגענע ! כא, כא, כא !

מאשאָ: ווי דו פארגעטערסט דיין מאן, יעוואָטשקא !

חוה: יעדער מענש, וואס קען איהם, פארגעטערט איהם, מוז איהם פארגעטערען ! ער איז אן אונגעוועהנליכער מענש... אז איך בין נאך א מיידעל געוועזן, האב איך געטרוימט צו הייראטהען א מאן, וואס זאָל זיין ניט עהנליך צו די אנדערע מענער, וואס זאָל זיין גרויס, בעריהמט; דערפאר האב איך זיך דאן פערליעבט אין וואָלפערט׳ן, ווייל יענער האט שוין דאן ארויסגעוויזען זיין קינסטלערשען טאַ־לענט, און דערפאר ליעב איך יעצט אזוי מיין מאן, ווייל ער איז אן אונגעוועהנליכער מענש.

מאשאָ: מילא, זאָל זיין אזוי. וועסטו געהן צו וואָלפערט׳ן אויפ׳ן קאָנצערט ?

חוה: אויב מיין מאן וועט געהן, וועל איך אויך געהן.

מאשאָ: אז דו זאָלסט ווארטען, ביז דיין מאן וועט אמאָל געהן, וועסטו לאנג דארפען ווארטען. דערמאָהן זיך אקאָרשט, ווי לאנג דיין מאן איז ניט ארויס מיט דיר, צו פערברענגען אן אבענד ?

חוה: איך געדענק: זייט דעם קישענעווען פאָגראָם.

מאשאָ: שוין דריי יאָהר א געשיכטע.

חוה: איך וויים.

מאשאָ: וואונדערט עס מיך טאקע. איך אויף דיין אָרט וואָלט זיך געפיהלט, ווי פערשפארט אין א תפיסה, ווען מיר זאָל אויס־קומען צו לעבען, ווי דיר אָהן געזעלשאפט.

חוה: מיין בעסטע געזעלשאפט זיינען מיין מאן און קינד.

מאשאָ: יעוואָטשקא, וואס פון דיר איז געוואָרען ! דו ביזט געוועזן אזא פרעהליכע, אזא לעבעדיגע, א סך פרעהליכער פון מיר, און יעצט ?

חוה: יעצט בין איך אויך אמאָל געגוג משוגע. דו האסט גע־דארפט זעהן, ווי איך שפיעל זיך אמאָל מיט מיין קינד, שפרינג, טאנץ

און זינג. מיין מאַן זאָגט דאָן, אַז איך בין די גרעסטע שטיפעריןצווישען די קינדער.

מאַשאַ: איך וויס, אַז דו האָסט אַ סך לעבען, דערפאַר וואונ־דער איך זיך טאַקע: ווי קומט עס, וואס דו בענקסט ניט נאָך געזעל־שאַפט? וואס דו זיצטסט בעגראַבען אין שטוב, ווי אַ אידענע, אַ יענטע?

חוה: איך וועל דיר, מאַשינקאַ, זאָגען די גאַנצע וואַהרהייט. אַ סך מאָל ווילט זיך מיר טאַקע ארויסגעהן פערברענגען אין געזעל־שאַפט, דאַן אבער טהו איך אַ טראַכט: איך וועל דאָרט ערגעץ פער־ברענגען און דאָ וועט מיין מאַן קומען פון זיינער אַ אסיפה און וועט מיך ניט טרעפען אין דער היים, און ער איז דאָך אַזוי צוגעוועהנט צוטהיילען מיט מיר זיינע איינדריקע און געדאַנקען, דאַן בלייב איך בעסער אין דער היים און וואַרט אויף איהם.

מאַשאַ: זיינע געדאַנקען וועגען זיין געליעבט פאָלק ישראל?

חוה: יע, זיינע געדאַנקען וועגען בעפרייען זיין געליעבט פאָלק ישראל פון דעם בלוטיגען גלות. איז עס אפשר אַ קליינע עהרע, ווען אַזאַ מאַן ווי ער, דערצעהלט דיר זיינע געדאַנקען און זיינע פּלענער און רעדט אויס פאַר דיר זיין גרוים הארץ, וואס ליעבט און ליידעט אַזוי? (טהוט זיך אַ כאַפּ) שאַ, איך הער זיינע טריט! ער געהט! (צינדט אָן דעם לאָמפּ אויפ'ן טיש.)

דאָקטאָר מיימאַנאָוו, הויך, שלאַנק, מיט אַ פּעך־שוואַרצער באָרד, דורכגעוועבט ערטערווייז מיט זיל־בערנע האאר, מיט אַ הויכען, ווייסען שטערען, און מיט פער'חלום'טע אויגען, קומט אריין צוטראַגען.

חוה: (געהט איהם אנטקעגען) גוטען אבענד, מאַאיסעי!

מיימאַנאָוו: (טהוט זיך אַ כאַפּ, ווי פון שלאָף) האַ, גוטען אבענד, גוטען אבענד! (קוקט אָן חוה'ן פערטראַכט, באַלד אבער דריקט אויס זיין פּנים ליעבע און פרייד.) דו ביזט עס, חוה'לע? גוטען אבענד, קינד! (נעהמט איהר האַנד און קושט.) איך האב דיך ניט בעמערקט. ווי פיהלסטו זיך היינט, חוה'לע?

חוה: אָה, זעהר גוט!

מאַשאַ: (מיט א שמייכעל) נו, אויב דער דאָקטאָר האט ניט בעמערקט זיין ווייב, מעג ער זיין ווייב'ס שוועסטער אודאי ניט בע־מערקען!

מיימאנאָוו: (טהוט זיך א כאַפּ) הא, מאַשאַ, איהר זייט אויך דאָ? גוטען אבענד! (גיט איהר די האנד.)

מאַשאַ: גוטען אבענד, דאָקטאָר. וואס זייט איהר אזוי פאר־טראכט?

מיימאנאָוו: איך בין פארטראכט, ווייל אנדערע טראכטען אזוי ווענינ! חוה'לע, ווי עס שיינט, איז די שווינדזוכט שטארק פערליעבט אין אונזער גהעטטאָ! אין ערגעץ פיהלט זי זיך ניט אזוי פריי, ווי אין דיעזער ענגער, פערשטיקטער און פערשלאָסענער טשער־טאַ אָסעדלאָסטי... אין ערגעץ געפינט ניט די שווינדזוכט אזוי פיעל הונגער און קעלט און שלאפלאָזיגקייט ביי מענשען און אזוי פיעל גאהרונגסמיטעל פיר זיך, ווי אין דעם אידישען תחום! פון די צוועלף פאציענטען, וואס איך האב יעצט עקזאמינירט, זיינען צוויי קראנק אויף דער גאלאָפּירענדער שווינדזוכט!

חוה: מיין גאָט, ווי שרעקליך!

מאַשאַ: (צושראָקען) פארוואס שפריצט איהר ניט אוים דאס הויז? עס איז דאָך אזא אָנשטעקענדיגע קריינק! האט איהר כאָטש, דאָקטאָר, די האנד פריהער אויסגעוואשען איידער איהר האט זי אונז געגעבען? (קוקט אויף איהרע הענד.)

מיימאנאָוו: (קוקט זי אָן מיט ענטריסטונג, שווייגט א ווײלע, דאַן טהוט ער א שאָקעל מיט'ן קאָפּ און זאגט:) איהר האט מורא, טאָמער האב איך אייער האנד אָנגעשטעקט מיט מיקראָבען? זעהט איהר, פיר דעם קען מען אייך א רעצעפּט פערשרייבען. איך ווייס אבער ניט פון קיין רעצעפּט פיר די שלעכטע מיקראָבען פון אייער הארצען... פע, מאַשאַ, מיר גלויבט זיך גאָר ניט, אז איהר זייט מיין חוה'ס א לייבליכע שוועסטער!

מאַשאַ: (לאכט) אוי, דאָקטאָר, מאכט ניט אזא בייז פּנים, איהר זייט גאָר ניט אזא בייזער, און פערלייקענט מיר ניט די שוועס־טער. זי איז ביי מיר די איינציגע. איאַ, יעוואָטשקאַ, דו ביזט דאָך מיין שוועסטער? (חוה לאכט.) זעהט, דאָקטאָר, ווי מיין שוועס־טער לאכט!

מיימאנאָוו: (טהוט א קוק אויף חוה'ן און טהוט אויך א שמייכעל.) זי לאכט, איך לאך אויך—איהר קענט שוין מאכען לאכען. זעהט איהר, אין דעם זייט איהר גראַד שוועסטער. חוה'לע קען אַמאָל אויך מאכען לאכען. מאשא, איהר האט אבער געדארפט זיין אויך אין ערנסטקייט און גוטסקייט חוה'לעס א שוועסטער!

מאַשאַ: נו, דאָקטאָר, אין עפּעס מוז איך זיך דאָך אונטערשיידען פון מיין שוועסטער. (פויזע) וועט איהר געהן צום קאָנצערט, דאָקטאָר?

מיימאנאָוו: וואס פיר א קאָנצערט?

חוה: (מיט התפעלות) ווייסטו, מאָאיסעי, ווער עס איז געקומען אהער?

מיימאנאָוו: ווער, קינדערלע?

חוה: וואָלפערט, דער פיעדעל-שפּיעלער...

מיימאנאָוו: (גוטמוטהיג) אָה, יע, איך האב געהערט פון דעם... דיין אַמאָליגער אמאָר!..

חוה: (לאכט) יע, דער מאַן, ועלכען איך האב אַמאָל זעהר געליעבט, איידער איך בין געוואָרען מאָאיסעי'ס פרוי.

מאַשאַ: איך וועט, אז דער דאָקטאָר וועט זיין אייפערזיכטיג...

מיימאנאָוו: (לאכט) נו, ווילט איהר זיך מיט מיר אפשר וועטען?

חוה: ניין, מאָאיסעי, זאָל זי זיך מיט מיר וועטען!..

מאַשאַ: (לאכט) איך וואָלט מיט אייך ביידען זיך געוועט, ווען דער דאָקטאָר וואָלט געוועזן אַן אַנדער מענש און מיין שוועסטער וואָלט איהם ניט אזוי געליעבט! דאָקטאָר, אז זי האט אייך אזוי ליעב, פארוואס זעהט איהר ניט צו פערשאפען איהר פערגניעגען?

חוה: וואס רעדסטו, משוגענע?

מיימאנאָוו: איך דענק, אז איך פערשאַף איהר א פערגניעגען, נאַטירליך, א פיעל מעהר עדעלערעס פערגניעגען, ווי איהר קענט זיך פאָרשטעלען, מאשא! זי דענקט צוזאמען מיט מיר, זי האָפט צוזאמען מיט מיר, זי שטרעבט, זי ליעבט און ליידעט צוזאמען מיט מיר!

מאַשאַ: פארוואס בעזוכט איהר ניט אויך צוזאמען מיט איהר געזעלשאַפט. מיט דריי יאָהר צוריק פלעגט איהר ארייגקומען אין די

העכסטע קרייזען, זאָגאר צום גובערנאטאָר אויפ'ן באַל פלעגט איהר קומען מיט איהר, און יעצט?

מיימאנאָוו: איך וואָלט נאָך יעצט אויך געקענט קומען אין יענע הויכע קרייזען. איך דענק אבער, אז ווען איך מיט חוה'לען זאָלען יעצט בעזוכען יענע הויכע געזעלשאפט, וואס איז פול מיט כוליגאַנעס, יעצט נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, וואָלטען מיר אויף יעדען'ס הענד דאָרטען געזעהען שפּורען פון אידישען בלוט... ניין, מאַשאַ, איהר קענט זעהר שלעכט אייער שוועסטער, ווען איהר דענקט, אז נאָך יעצט וואָלט זי געוואָלט בעזוכען יענע הויכע געזעלשאפט פון אנטיסעמיטען און כוליגאַנעס!

חוה: געוויס ניט, מאַאיסעי!

מיימאַנאָוו: איהר זעהט, מאַשאַ, זי זאָגט עס אליין!

מאַשאַ: זי זאָגט עס נור, ווייל זי וויל איך צוליעב טהאָן. אין דער ווירקליכקייט אבער, וואָלט זי געוואָלט ארויסגעהן פערברענגען. איך קען מיין שוועסטער; גלויבט מיר, דאָקטאָר!

חוה: דו קענסט מיך ניט! (פערשטאָפּט איהר דאס מויל.) רעד ניט קיין דומהייטען!

מיימאַנאָוו: ווען חוה'לע וואָלט געוואָלט ארויסגעהען פערברענגען, האט זי עס אַלע מאָל געקענט טהון. איך וואָלט איהר אודאי ניט געשטערט!

חוה: גלויב איהר ניט קיין וואָרט, וואס זי זאָגט, מאַאיסעי! זי דענקט, אז איך בין איהר שוועסטער, מוז איך זיין אזוי לייכטזיניג, ווי זי!

מאַשאַ: דאָקטאָר, אייער ווייב האט אמאָל געקענט אזוי גוט טאַנצען, זי האט שוין דריי יאָהר ניט געטאַנצט, זי האט שוין געמוזט פערגעסען, ווי צו טאַנצען א שאָד!

חוה: (מיט א שמייכעל) האב נור קיין מורא ניט, נאָך יעצט טאַנץ איך אויך בעסער פון דיר! (פּלוצים כאַפּט זי ארום) קום טאַנצען!

מאַשאַ: ביזטו משוגע? לאָז איין, קיצעל ניט!

חוה: קום! איך וועל דיר ווייזען, אז איך האב נאָך ניט פערגעסען ווי צו טאַנצען! (שלעפּט זי.) טראַ־לאַ־לאַ! טראַ־לאַ־לאַ! (זינגט און טאַנצט מיט מאַשאַ'ן הינגעריסען, מיט א ברען.)

מיימאנאָוו: כאַ, כאַ, כאַ! בראַוואָ! בראַוואָ! אוואו איז שיינדעלע, מיין קליין טעכטעריל? זאָל זי אויך געהן טאַנצען מיט די קינדער.

(צפורה קומט אריין מיט אַ טאַס טהעע.)

צפורה: (אָנקוקענדיג ווי זיי טאַנצען, מאַכט מיט'ן קאָפּ און בורטשעט אונטער דער נאָז.) מאַכען זיך אַ יום טוב אין מיטען העלען מיטוואָך. האָטשקען זיך. אַ כוואַראָבע פעהלט זיי! (הויך.) זעה נור, זעה, זיי מאַכען דאָך אַ תל פון קאַוויאַר מיט זייער האָטשקען! (שטעלט דעם טהעע אויפ'ן טיש.)

(חוה און מאַשאַ הערען אויף צו טאַנצען און צולאַכען זיך.)

מיימאנאָוו: נו, צפורה, קענט איהר אויך אזוי טאַנצען?

צפורה: נאָך דאס פעהלט מיר. איך בין צופריעדען, אַז איך קען אזוי שלעפּען די פיס! (בייגט זיך איין און פעררייכט דעם קאַוויאַר.) אויב איהר וועט אזוי ווייטער טאַנצען, מאַדאַם, מעגט איהר זיך זעגענען מיט'ן קאַוויאַר! עָן, אַקוראַט ווי קינדער: טאָפּ־טאָפּ מיט די פיס, טאָפּ־טאָפּ! אַ תל מאַכט מען פון דעם קאַוויאַר!

(חוה און מאַשאַ לאַכען.)

מיימאנאָוו: (מיט אַ שמייכעל) גוטע צפורה, זיי מאַכען נאָך אַ גרעסערען תל פון זייערע פיס.

(זעצט זיך טרינקען טהעע.)

צפורה: פיר זייערע פיס, דאָקטאָר, האַרט מיך ניט. די פיס זיינען ניט קיין בעל־הבית'שקייט, קאָסטען ניט קיין געלד. (חוה און מאשא צולאַכען זיך נאָך העכער.) לאַכען זיי! זאָלען זיי לאַכען, קאָפּ אָן דער וואַנד, מיין דאגה! (פּלוצים טהוט זיך אַ כאַפּ.) וואס זאָגט מען צו דעם? איך האב אַ זכרון פון אַ קאַץ. איך בין דאָך אייך געקומען זאָגען, אַז שמערל דער שניידער וואַרט דאָרט אויף אייך.

שמערל, אַ איד פון מיטעלע יאָהרען, מיט אַ קאָלטאַוואַטע באָרד און רויטע קראַנקע אויגען, שטעקט אריין דעם קאָפּ, בעדעקט מיט אַ יאַרמאָלקע, אין טהיר.

צפורה: (טהוט זיך אַ קעהר צו איהם) ר' שמערל, ר' שמערל, האַרט אַ ווייַלע! דער דאָקטאָר געהט גלייך ארויס צו אייך! קריכט ניט אין זאָל, דאָ איז ניט קיין חזיר־שטאַהל!

מיימאנאָוו: הא, ר' שמערל? קומט אריין! קומט אריין!
(שמערל אריין מיט דער היטעל אין האנד, און פערנייגט זיך.)

צפורה: נו, נו, א פאראָנדיק אביסעל, דעם זאל מאכט מען שוין אויך פיר א שפיטאָל. דאָקטאָר, איהר וועט שוין זיי באלד לאָזען ארויפקריכען צו אייך אויפ'ן קאָפּ אויך!

מאַשאַ: ווי פרעך זי רעדט עס!

מיימאנאָוו: (מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל) די גוטע צפורה מיינט ניט קיין שלעכטס. זי וויל נור די בעל־הבית'שקייט פער־היטען!

צפורה: געוויס טהוט מיר וועה דאס הארץ פיר די בעל־הבית'שקייט. פיר מיינע אויגען איז דאָך דאס אַלעס געקויפט גע־וואָרען מיט אכט יאָהר צוריק. געוועזן אזוי שעהן נייערהייט, און אצינד? אז איך זאל פון דעם די אויגען אראָבנעהמען, וואָלט מען פון דעם גיך א תל געמאכט! (מיט כעס) אבער קאָפּ אָן וואנד, מיין דאגה! (ווישט זיך אָב מיט'ן פארטוך די גאָז, און אָב.)

מיימאנאָוו: נו, וואס וועט איהר עפּעס דערצעהלען גוטס, ר' שמערל? זעצט זיך, ר' שמערל, וואס שטעהט איהר?

שמערל: (מיט א רחמנות'דיגער מינע) איך דאנק אייך, דאָק־טאָר, איך קען שטעהן.
(שטעהט און דרעהט דאס היטעל אין די הענד.)

מאַשאַ: נאַ, איך וועל געהן. אדיע, דאָקטאָר! אדיע, יעווא, פארגעס ניט, צו בעזאָרגען זיך מיט א בילעט פיר וואָלפּערט'ס קאָנצערט!

חוה: פארוואס טרינקסטו ניט מיט אונז קיין טהעע?

מאַשאַ: מיר ווילט זיך ניט און איך האב קיין צייט אויך ניט, אדיע! (אָב. חוה זעצט זיך ביים טיש און נעהמט א גלאָז טהעע.)

מיימאנאָוו: איהר ווילט מיר עפּעס זאָגען, ר' שמערל?

שמערל: צרות, דאָקטאָר, גרויסענע צרות, עס געהט מיר פון אַלע זייטען. געה, פרעג קשיות ביי דעם רבונו של עולם, פארוואס האט ער זיך אזוי אָנגעזעצט אויף מיר!

מיימאנאָוו: וואס איז געשעהען?

שמערל: מיין חייקעלען האט מען דאָך נעכטען צוגענומען

אין אָסטראָג און מען האט זי אזוי געשלאָגען, אזוי גע'הרג'עט, אז איך פערשטעה ניט, ווי זי זשאָוועט נאָך!

מיימאנאָוו: (שפרינגט אויף פון טיש) געשלאָגען? גע'הרג'עט? (רייבט זיך דעם שטערען) ווער האט זי געשלאָגען?

שמערל: די קאָזאקען און זשאנדארמען. אוי, האט מען זי געשלאָגען, דאָקטאָר, אזא שוואך קינד! זי איז דאָך געווען דער שווארץ־אפּעל פון מיינע אויגען! און ווי איך האב זיך ביי איהר געבעטען, חייקעלע, חייקעלע, זיי ניט קיין בונדיסטקע, א קלאָג צו דיר! קריך ניט אין פייער, דו וועסט פארברענט ווערען! זי האט אבער מיך געהערט, ווי די קאַץ, און איז דוקא געקראָכען. אָט ביז זי איז נעכטען אריינגעפאלען! א מצוה אויף איהר, א מצוה, פער־שרפה'עט זאָל זי ווערען! אצינד וועט זי וויסען, אז א טאטען דארף מען פאָלגען! א מצוה אויף איהר! (צוואוויינט זיך.) אוי, האט מען זי געשלאָגען, גע'הרג'עט, איך האב מורא, אז איך וועל מיין קינד שוין קיין לעבעדיגע מעהר ניט זעהן, דאָקטאָר! און אַז זי וואָלט קיין בונדיסטקע ניט געווען, איז זי דאָך געווען אזא טהייער, אזא זיידען קינד!...

חוה: אָרעמער פאטער! (שטעהט אויף און רוקט צו צו איהם א קרעסלאָ.) זעצט זיך, ר' שמערל!

שמערל: (זעצענדיג זיך) אוי, מאַדאַמוניו, אז איהר וואָלט זי געקענט, מיין חייקעלען, אזא גוטינקע, די נשמה איהרע וואָלט זי דאָך אָפּגעגעבען דעם צווייטען, היינט ווי אזוי האט זי ניט רחמנות געהאט אויף איהר אלטען טאטען! (שלוכצט.)

מיימאנאָוו: (געהט ארום אויפגערעגט איבער'ן זאל) די נשמה איהרע וואָלט זי אָפּגעגעבען דעם צווייטען? איך ווייס עס. זי איז ניט די איינציגע, ר' שמערל. א סך אידישע זיהן און טעכטער האבען שוין אָפּגעגעבען און וועלען נאָך אָפּגעבען זייערע יונגע לע־בענס און בעגייסטערטע נשמות פיר דעם צווייטען, פיר דעם כלל... אין וואס פיר א אידישער הויז איז יעצט ניטאָ א יונג לעבען, וואס וואָלט זיך מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג ניט מקריב געווען פיר דעם כלל? בונדיסטען, פּועלי ציון, סאָציאליסטען־ציוניסטען, ציוני ציון, סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, סאָציאל־דעמאָקראטען, פּע־פּע עסניקעס — איבעראל, אין יעדער קעמפּפענדער פּארטיי, אונטער

יעדער פאהן, אידישע זיהן און טעכטער, אידישע קעמפפער, אידישע העלדען! וועלכעס אנדערעס פאלק האט נאך ארויסגעגעבען אזוי פיעל העלדען, אזוי פיעל מארטירער פאר מענשליכע אידעאלען, ווי אונזער אלט, פון אלע פעלקער פערפאלגט און אונטעריאכט פאלק? ביי א פאלק פון סוחרים אזוינע טרוימער! ביי א פאלק פון קאלטע פראקטישע מוחות אזוינע פייערדיגע אידעאליסטען! דו הערסט, חוה׳לע? אמאל ווען איך טראכט פון דעם נייעם העלדישען דור, וואס איז פיר די לעצטע יאהרען ארויסגעוואקסען ביי אונזער וואונדער פאלק, דאכט זיך מיר, ווי די פארזעהונג אליין האט דא א שפיצעל אפגעטהאן די אנדערע פעלקער, וואס האבען אונזער פאלק אזוי אהן רחמנות גע׳רדפ׳ט. (מיט בעגייסטערונג) מיר דאכט זיך, איך הער די פארזעהונג רעדען צו יענע פעלקער: „זעהט איהר, פעלקער, איהר האט ישראל׳יקלען, וואס האט אייך, בארבארען, געגעבען א רעליגיאן פון מענשען־ליעבע, איהר האט איהם הונדערט און הונדערטע יאהרען נאכאנאנד געמארדעט און גערויבט, געיאגט איהם פון אייערע לענדער, געברענט און געבראטען אויף שייטער־הויפענס, געזוכט זיין מענשליכען פנים צו פערניכטען, זיין געטליכע נשמה צו דערשטיקען, פיר א שקלאף האט איהר איהם געוואלט מאכען, פיר א שקלאף ביי שקלאפען, פיר א שענדליכען פאקטאר, פיר א ניעדערגעשלאגענעם מה־יפית זינגער, פיר א ווארים, וואס זאל אונטער אייערע פיס קריכען, — און יעצט זעהט: דער ווארים האט זיך פערוואנדעלט אין א ריעז, א מעכטיגען פרייהייטס־ריעז מיט יונגען בלוט און מיט דער פלאמענדער זעעלע פון די מאקאבייער! אך, חוה׳לע, ווען איך טראכט פון דעם, בין איך אזוי שטאלץ, וואס איך בין א קינד פון דיעזען וואונדער־פאלק, און מיט מיין גאנצער זעעלע גלויב איך דאן אין זיין שעהנע, גלענצענדע צוקונפט. דו וועסט זעהען, אז מיין גרויסער פלאן וועט מיר געלינגען, דו וועסט זעהען! (שמערל שלוכצט.) וויינט ניט, ר׳ שמערל, מיר וועלען נאך אלע אמאל גליקליך זיין. די גאולה קומט, ר׳ שמערל, גלויבט מיר, אז זי קומט!

חוה: (געהט צו צו איהם און ווישט אפ מיט א טיכעל דעם שטערען.) ווי דו ביזט פערשוויצט, מאאיסעי! (ער נעהמט איהר האנד און טהוט א קוש.)

שמערל: ווען טאקע וועט שוין קומען די גאולה, ליעבער דאק־

טאָר? זוען וועלען מיר שוין זוכה זיין צו דערהערען דעם שופר של משיח? אוי, עס איז דאָך שוין קיין כוח ניטאָ לענגער צו לעבען אין דעם חושך׳דיגען גלות.

חוה (זעצט זיך, נעהמט די צייטונג פון טיש און לעזט.)

מיימאָנאָוו: ר׳ שמערל, דער שופר של משיח האט שוין גע־בלאָזען זיין תרועה גדולה, האט שוין אויפגעוועקט די מתים פון׳ם אידישען בית עולם. די טויטע אידען זיינען שוין פון זייערע פינ־סטערע קברים ארויסגעקראָכען און קיין פינסטערע מאכט אין דער וועלט איז שוין ניט אימשטאַנד זיי צוריק צוטרייבען אין זייערע פריהערדיגע אַלטע, חושך׳דיגע גריבער! זיי ציהען זיך יעצט אַלע, אַלע צו א נייע, ליכטיג לעבען! וואָלסטו זעהען, חוה׳לע, וואס פיר א ווארעמע, בעגייסטערטע אידען זיינען נעכטען געווען אויף דער פער־זאמלונג, וואו איך האב גערעדט! פשוט׳ע אידען, דאכט זיך, בעלי מלאָכות, בעלי עגלות און אָרעמע קרעמער, און דאָך וואס פיר א הויך פערגניגען איז צו רעדען צו זיי! זיי הערען דיך, זיי פיהלען דיך און פערשטעהען דיך. דיינע ווערטער פאַלען אויף זייערע ווארעמע הערצער, ווי ליכטיגע פונקען, און דיינע געדאַנקען צינדען אָן אין זייערע אויגען העלע פייערלאָך פון האָפנונג. זיי אַלע ערווארטען די גאולה, זיי אַלע האָפען אויף א נייע לעבען אין אן אייגען לאַנד. אָה, די גאולה וועט קומען, וועט זיכער קומען! דען די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט! צו וואס א גאַנץ פאָלק שטרעבט, וואס א גאַנץ פאָלק פערלאַנגט, דאס פערלאַנגט אַליין גאָט!

חוה: (פון איבער דער צייטונג) די פראַגע איז נור, מאָאיסעי, אויב דיר וועט דיין פּלאַן געלינגען צו פעראייניגען אַלע אידישע פּאַר־טייען אין איין גרויסע אידישע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, וואס זאָל אַר־בייטען פיר אן אייגענע טעריטאָריע, ווי דו האָפסט?

מיימאָנאָוו: אָה, זיכער, חוה׳לע! דיעזער פּלאַן מיינער מוז מיר געלינגען. ער איז דאָך אַזוי איינפאַך און קלאָר. אַלע אידישע פּאַרטייען וועלען דאָך סוף־כל־סוף מוזען איינזעהען, אז דער איינצי־גער וועג צו בעפרייען זיך פון גלות איז צו קריעגען אן אייגענעם ווינ־קעל און צו בויען דאָרט אן אייגענע הויז. אין גיכען וועל איך וועגען דעם אן אסיפה האבען מיט די פּאָרשטעהער פון די אַנדערע פּאַר־טייען. איך גלויב, אז מיר וועט געלינגען צו איבערצייגען זיי, אז

דאס איז דער איינציגער אויסוועג פיר אונזער פאָלק. דאן וועלען זיי זיך אַלע פעראייניגען אונטער איין נאַציאָנאַלע אידישע פאָהן און ארבייטען פיר די גאולה.

שמערל: הלואי, ליעבער דאָקטאָר, פון אייער מויל אין גאָט'ס אויערען. איך זאָג אודאי, מיט כונה: „לשנה הבא בירושלים!"

מיימאנאָוו: ניט דוקא ירושלים, ר' שמערל! וועלען מיר קריעגען אַ היים אין ירושלים, איז מה טוב, ווען אין אַן אנדער לאַנד איז אויך גוט. די הויפט זאַך איז אַ היים קריגען, אַן אייגענעם, רוהי־גען ווינקעל. יענער וואס זאָגט, אַז ער וויל האבען אַ הויז דוקא לעבען זיין מאַמע'ס קבר אין ציון, אַז ניט הארט איהם ניט, ער זאָל אין גאַנ־צען ניט האבען קיין ווינקעל, וואו צו צושפארען זיין מיעדען קאָפּ,— יענער בעווייזט אפילו, אַז ער איז זיין מאַמע'ס זעהר אַ געטריי קינד, ער בעווייזט אבער אויך, אַז זיין פערשטאַנד איז אויך פון אַ קינד. מיר דארפען, ר' שמערל, ווענינער טראַכטען פון דעם אַלטען, ווייטען קבר, וואו אונזער אַלטע מוטער רחל רוהט, און מעהר טראַכטען פון אונזער אייגענעם קבר אין גלות.

(מען קלינגט.)

שמערל: (הייבט זיך אויף פון אָרט) איז וואס זאָגט איהר, דאָקטאָר, וועגען מיין חייקעלען?

מיימאנאָוו: וואס קען איך זאָגען, ר' שמערל?

שמערל: ליעבער דאָקטאָר, האט רחמנות איבער אַן אַלטען טאַטען, געהט אריעבער צום גובערנאַטאָר. אייער אַ וואָרט וועט העל־פען. מען וועט זי ארויסלאָזען. איהר זייט דאָך דעם גובערנאַ־טאָר'ס דאָקטאָר!

מיימאנאָוו: יע, ר' שמערל, איך בין טאַקע דעם גובערנאַ־טאָר'ס דאָקטאָר, נור העלפען יעצט אייער טאָכטער קען איך דאָרט ניט. אין דעם גובערנאַטאָר'ס אויגען בין איך יעצט אַ חולה מסוכן, כמעט אַ געפעהרליכער רעוואָלוציאָנער. וויעדער קען איך איהם יעצט ניט בעטען פיר אייער טאָכטער, ווייל נעכטען האט איהם בעזוכט אַ דעלעגאַציאָן פון אונזערע שעהנע אידען, וואס האט פיר איהם פער־מסר'ט אונזער יוגענד... (אויפגערעגט) און מיין אייגענער שוועער איז נאָך געוועזען דער הויפט מוסר!

חוה: (מיט געבעט) מאָאיסעי, איך בעט דיך!

מיימאנאָוו: (וויינ) ענטשולדיג, חוה'לע! דאס איז אבער אזוי שענדליך, אזוי שרעקליך. מיין אייגענעם פאטער וואָלט איך אזא שאַנדע אין פנים געוואָרפען! דאס קרעפטיגסטע בלוט פון זייער פאָלק האבען זיי בדעה געהאט צו שענדען, די ליעבע יוגענד אונזערע, דעם כבוד פון אונזער פאָלק, האבען יענע מוסרים בדעה געהאט צו בעשמוצען!

שמערל: איז וואס זאגט איהר, ליעבער דאָקטאָר? זי וועט דאָך דאָרטען שטארבען אין אָסטראָג, אזא שוואך קינד, וועה איז צו מיר!

מיימאנאָוו: איך וועל זעהען, וואס איך קען טהאָן. אַלענ־פאַלס וועל איך זי מאָרגען בעזוכען אין טורמע.

שמערל: זאָל אייך דערפאר גאָט יאהרען געבען, דאָקטאָר. איהר העלפט יעדען מיט וואס איהר קענט. אזא מרשעת, אזא שיקסע, אז זיצען זאָל זי דאָרטען. א גוטען, ליעבער דאָקטאָר; א גוטען, מאדאמוניו, גאָט וועט אייך ניט פערגעסען! (אָב.)

מיימאנאָוו: גוטע נאכט, ר' שמערל, גוטע נאכט! (בעגלייט איהם מיט פערטראכטע אויגען.) וויפיעל זיינען יעצט דאָ אזוינע אונגליקליכע טאַטעס ביי אונז, אידען!

צפורה (קומט אריין מיט פערקאשערטע ארבעל און מיט א מאַטשאַלקע אין די הענד.)

צפורה: נו, וואס זאָל איך אצינד טהאָן?

מיימאנאָוו: וואס איז געשעהן?

צפורה: איך וואַש דאָרט דעם שפיטאָל־קאמער, וואו איהר נעהמט צו די חולאים.

מיימאנאָוו: נו?

צפורה: נו, האט דער שד אצינד געבראכט צו שלעפען א חולה. וואו זאָל איך איהם אהינטהאָן, ביז איך וועל דאָרט אויסוואַשען די פאָדלאָגע? איך האב איהם שוין געזאגט, ער זאָל שפעטער קומען, זאָגט ער, אז ער מוז אייך זעהען... סכנות נפשות! וועגען זיין ווייב!

מיימאנאָוו: שיקט איהם אריין אהער.

צפורה: אוי, גוואַלד! ניט טאָג און ניט נאכט, רק מען געהט,

רק מען שלעפּט זיך אהער! דאָקטאָר, איך מוז אייך זאָגען איין מאָל פיר אַלע מאָל... איך האב מורא, איך וועל אין כעס ווערען!

מיימאנאָוו: איהר זאָלט אין כעס ווערען? איך גלויב עס ניט, גוטע צפורה.

צפורה: (צולאכט זיך) נו, געה ווער אין כעס אויף אזא דאָקטאָר, אז ער רעדט צו דיר ווי אַן אייגענער טאַטע! (ווייך) דאָקטאָר, טהוט מיר א טובה, מאכט אָפּ א צייט פיר די חולאים. זייט איהר האט זיך פערנומען מיט אייער צייטונג און די אַנדערע זאכען, איז פיר די חולאים גאָר קיין צייט ניטאָ. זיי פערדרעהען מיר צופיעל דעם מוח, און איך האב, דאָקטאָר, א מוח'ל, ווי א ציפּליאָניקעל, זאָלט איהר מיר לעבען!

מיימאנאָוו: נו, נו, מיר וועלען וועגען דעם זעהען. שיקט אריין דעם מאַן.

צפורה: ווי איך בין א אידיש קינד, דאָקטאָר, ווען איהר זאָלט זיין אַן אַנדערער, וואָלט איך אַוועק צום „בונד" און געמאכט אייך א סטאַצקע... אבער אייך טהאָן אזא זאַך, קען איך ניט, זאָל עס די סטאַצקע ניט דערהאַרען! קאָפּ אָן דער וואַנד!

חוה: (צולאכט זיך) כאַ, כאַ, כאַ! אוי, ווי קאָמיש!

מיימאנאָוו: (לאכט אויך) נו, א דאַנק, גוטע צפורה, א גרויסען דאַנק, וואס איהר מאכט ניט קיין סטאַצקע... שיקט זשע אריין דעם מאַן!

צפורה: אָט שוין, דאָקטאָר, אָט שוין! (אָב.)

חוה: וואס זאָגסטו, מאַאיסעי, אויך א קעמפּפערין? כאַ, כאַ, כאַ!

מיימאנאָוו: יע, חוה'לע, עס איז א צייכען פון דער צייט!

(גדליהו, א איד פון מיטעלע יאָהרען, אָרעם געקליידעט, קומט אריין.)

גדליהו: (מיט דער היטעל אין האַנד) א גוטען אבענד, דאָקטאָר!

מיימאנאָוו: אָה, איהר זייט עס, ר' גדליהו? גוטען אבענד, וואס וועט איהר דערצעהלען?

גדליהו: מיינע בעט עסען. בין איך געקומען, ביי אייך פרעגען, דאָקטאָר...

מיימאנאָוו: אויב איהר מעגט געבען איהר עסען? געווים, געווים, ר׳ גדליהו. נאַטירליך, ניט קיין שווערע שפּייז.

גדליהו: גוט, איך דאַנק אייך, א גוטע נאַכט! (אָב.)

ישראל׳יקעל מיט שיינדעלען.

ישראל: (פרעהליך) דיין פּאַפּקעלעס קעפּעלע האָסטו, ציפּ־ליאָניקעל. הערסטו, משה׳ניו, איז דיין טאָכטער א מזיק, איינע אין א וועלט. אין דיר געראָטען, זוהכנוני. אוי, אוי, א געזונד איהר אין הערצעלע אריין, א קאָפּ, פּיש־פּיש, א מאַנסבילשער! קען דעם היינ־טיגען קאַפּיטעל ישעיהו כמעט אויף אויסווענינ. האָסטו געהערט? אזא מזיק פון א ציפּליאָניקעל!

שיינדעלע: פּאַפּעלע, בין איך א גוט קינד?

מיימאנאָוו: דו ביזט זעהר א גוט קינד, שיינדעלע! (נעהמט זי אויף די הענד און זעצט זיך מיט איהר) האָסטו געמאַכט אַלע דיינע אוראָקען, קינדעלע? (זי מאַכט מיט׳ן קאָפּ) ביזטו א בראַ־וועס, זעהר בראַוועס קינד, און איך האב דיך ליעב, שטארק ליעב! (קושט זי) נו, טהו א קוש פּאַפּאַ׳ן אויך!

שיינדעלע: (כאַפּט איהם ארום נאַקען) אוי, פּאַפּעלע, איך האב דיך אויך ליעב! (קושט איהם) אוי, פּאַפּעלע, דיינע וואָנ־צעס שטעכען זיך! (רייבט זיך די ליפּען.)

ישראל: כאַ, כאַ, כאַ! אוי, איז דאס א מאדים פון א ציפּ־ליאָניקעל!

מיימאנאָוו: שלעכטע וואָנצעס, קינדעלע, נו, בעשטראָף זיי, פארוואס זיי האבען דיך א שטאָך געטהאָן. דערפאר טהו זיי א צופּ! (זי צופּט און לאַכט, ער לאַכט אויך און קושט זי.) כאַ, כאַ, כאַ! אַך, דו קליינער טייפעל דו! חוה׳לע, קום אקאָרשט אהער! (זי הייבט זיך אויף און געהט צו צו איהם מיט א שמייכעל.) דו זעהסט עפּעס אויף אונזער טעכטעריל, חוה׳לע?

חוה: (מיט א שמייכעל) וואס זאָל איך דאָרט זעהען?

מיימאנאָוו: קוק אויף איהרע אויגען.

חוה: איך קוק.

מיימאנאָוו: ווער האט נאָך אזוינע שעהנע, גוטע אויגען?

חוה: (שעלמיש) איך ווייס ניט, מאַאיסעי.

מיימאנאָוו: אוי, דו ווייסט, חוה'לע!

חוה: (שעלמיש) דו האָסט אזוינע שעהנע, גוטע אויגען!..

מיימאנאָוו: און טאָמער פארקעהרט? ניט איך, נור דו! יע, יע, דו, דו. דיינע גנב'שע אויגען האט זי, חוה'לע. כאַ, כאַ, כאַ! ווי די מאמע, אזוי איז די טאָכטער. (נעהמט איהר האנד און קושט.)

חוה: (גליקליך) און מיר דאכט זיך, אז די גראָטענע טאָכ־טער אונזערע האט זיך איינגעגעבען אין איהר פאפאַ'ן!..

ישראל: אמת, אמת, אין איהר פאפקעלע! (געהט צו צו חוה'ן און זאָגט איהר שטיל אויפ'ן אויער) חוה'לע, נעהם ארויף אצינד מיין כלי אויף דער פיאנאָ און פרוב זי.

חוה: אָט גלייך, שוועסטער!

גדליהו (קומט ווידער אריין.)

גדליהו: האט קיין פאראיבעל ניט, דאָקטאָר. איך וויל ביי אייך פרעגען: וואס אן ערך זאָל איך איהר געבען עסען?

מיימאנאָוו: לייכטע שפייז, ר' גדליהו.

גדליהו: קען איך איהר געבען א זעמעל?

מיימאנאָוו: גאָט בעוואהר. גיט איהר אביסעלע ריינע, גוטע סופ!

גדליהו: ריינע סופ? (קראצט זיך דעם קאָפּ) גוט. א גוטע נאכט! (אָב.)

מיימאנאָוו: וואס וויל דער טאַטע פון דיר, חוה'לע?

חוה: ער וויל, איך זאָל אויספּרובירען זיין שטימע אויף דער פיאנאָ.

ישראל: טהו עס, חוה'לע. מיר דאכט זיך, אז מיין כלי האט געקראָגען א היבשען שפאלט! (גדליהו קומט ווידער אריין.) וואס איז עס פיר אן אָנשיקעניש!

גדליהו: מעג איך איהר געבען מילכיגע סופ?

מיימאנאָוו: ניין, ר' גדליהו, פליישיגע. קוילעט א הוהן, זאָלצט זי אויס, כשר'ט זי, לעגט זי אריין אין א טעפּעל. שטעלט דעם טעפּעל אויפ'ן פייער, פארגעסט ניט ארייננצוגיסען וואסער אין טע־פּעל און פון דעם וואסער וועט זיין א סופּ, און דיזען סופּ זאָלט איהר אייער פרוי געבען. יעצט פערשטעהט איהר?

גדליהו: איך פערשטעה. (געהט צו צום טהיר, שטעלט זיך אפ און קעהרט זיך אום צוריק.)

ישראל: אוי, ער פערשטעהט נאך אלץ ניט, אזא פורעניות! האסטו געהערט?

גדליהו: (קראצט זיך דעם קאפ) פאני דאקטאר, אבער ווי איז דער דין, אז עס איז ניטא פיר וואס צו קויפען א הוהן. די קינדער ארבייטען ניט. איך פערדיען ניט. איהר ווייסט דאך, אז אייך פיר אייער מיה קומט נאך אויך פון מיר.

מיימאנאוו: (הייבט זיך אויף) היינט וואס האט איהר מיר גלייך ניט געזאגט? (נעהמט ארויס א רובעל) דא האט איהר אויף א הוהן!

גדליהו: (כאפט זיין האנד און וויל קושען. ער רייסט ארויס די האנד.) טהוט עס ניט, ר' גדליהו, איך האב עס פיינד!

גדליהו: אוי, איך האב גאר קיין ווערטער ניט, פאני דאקטאר! גוטע נאכט! (אב.)

ישראל: דעם וויפיעלטען רובעל גיסטו עס שוין היינט אוועק, משה'ניו?

מיימאנאוו: איך צייל ניט, טאטע!

ישראל: און וויפיעל נארען ביי דיר אוים געלד אידען, וואס נעטהיגען זיך ניט?

מיימאנאוו: וואס פיר א איד נעטהיגט זיך ניט? און וויע־דער, טאטוניו, בעסער זאלען פון מיר קריעגען אידען, וואס נעטהיגען זיך ניט, איידער דער צעהנטער, וואס נעטהיגט זיך יא, זאל פון מיר ניט קריעגען!

ישראל: (געהט צו צו חוה'ן מיט התפעלות און שטיל איהר אויפ'ן אויער) האסטו געהערט א זאג פון א גדול! אוי, אוי, איך בין אסור ווערטה צו האבען אזא זוהן! נו, חוה'לע, פרוב מיין כלי!

חוה: (צוגעגאנגען צום פיאנא) וואס ווילט איהר זינגען, שווער?

ישראל'ק: מיין יעלה תחנונינו.

מיימאנאוו: טאטוניו, זינג היינט די „התקוה." איך בין אזוי עפעס יעצט אויפגעלעגט, און איך וועל דיר אונטערהעלפען.

שיינדעלע: און איך אויך, זיידוניו! (זינגען אַלע די „התקוה,״ חוה שפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ.)

צפּורה (קומט אריין).

צפּורה: דאָקטאָר, אַ פּריץ פרעגט אייך. (מען הערט אויף צו זינגען.) עפּעס אַ רייכער פּריץ...

מיימאנאָוו: וואס וויל דער רייכער פּריץ?

צפּורה: מסתמא האט ער אויך עפּעס אַ חולאת פיר אייך, דאָקטאָר...

שיינדעלע: מאַמע, קום שפּיעלען אין מיאַטשיק. דו האָסט מיר פערשפּראָכען.

מיימאנאָוו: (מיט אַ שמייכעל) איך וועל געהען זעהען, וואס איז דאָרט פיר אַ רייכער פּריץ. און ביי דיר, טאַטוניו איז די כלי גאַנץ גוט. דו דארפסט זי נור אביסעלע שייערען.

ישראל: (מיט שמחה) אַהן אַ קאַטאָוועס, משה׳ניו?

מיימאנאָוו: אַהן שפּאַס, טאַטוניו! (זינגט די לעצטע ווער־טער פון „התקוה״ און אָב מיט צפורה׳ן.)

ישראל: האָסטו געהערט, חוה׳לע, וואס אונזער דאָקטאָר האט געזאגט? מיין כלי איז ניט אין סכנות.

חוה: איך האב עס דאָך אייך פריהער געזאָגט.

ישראל: זיעס, האַ? זיעס, חוה׳לע? געשמאַק, האַ?

שיינדעלע: מאַמאַ, קום שפּיעלען אין מיאַטשיק.

חוה: קום, קום, שיינדעלע, איך האב גאָר פארגעסען, אַז איך האב דיר פערשפּראָכען צו שפּיעלען אין מיאַטשיק. קום! (געהען צום טיהר לינקס.)

ישראל: (לויפט איהר נאָך) און ווי געפעלט דיר, טאָכ־טער׳ל דער זיפּץ פון מיין כלי? אַ געשמאַקער זיפּץ, האַ? אַ אידי־שער זיפּץ, האַ? (אָב נאָך חוה׳ן און די ביהנע בלייבט אַ ווײַלע לעדיג. עס הערט זיך דאָקטאָר מיימאנאָוו׳ס געלעכטער.)

(דאָקטאָר מיימאנאָוו קומט אריין, מיט איהם וואָל־פערט, אין אַ פּאַלערינע, מיט אַ צילינדער־הוט אין די

הענד. ער איז זעהר שעהן: הויך, שלאנק, מיט לאנגע שווארצע געקרויזטע האאר, מיט א פנים, וואס האט אין זיך עטוואס טיעף־צארטעס, יונג־מיידעלשעס. אין זיין יעדער בעוועגונג פיהלט זיך דער ערפאלגרייכער, געבאלעוואטער קינסטלער. ער קוקט אויס פון א יאהר 28.)

מיימאנאוו: זיצט, הערר וואלפערט! אט וועט עס זיין א סיורפריז פיר מיין פרוי! (רוקט איהם אונטער א קרעסלא.) ביטטע, זיצט!

וואלפערט: דאנקע, דאקטאר! (זעצט זיך און לעגט זיין הוט אויפ'ן טיש.) איך האב געדענקט, צו בעזוכען אייך אין אייער רעדאקציאן. איהר האט דאך, וואהרשיינליך, געהערט, אז איך גיעב דא א קאנצערט אין טהעאטער?

מיימאנאוו: יע, איך האב געהערט. און איך ווייס, אז דער עולם קלייבט זיך שוין צו אייער קאנצערט. יעדער איז נייגיעריג צו הערען דעם בעריהמטען קינסטלער וואלפערט, איבערהויפט די פרויען.

וואלפערט: (מיט א שמייכעל) די פרויען? יע, צווישען זיי האב איך מיינע מייסטע פערעהרערס. די פרויען פיהלען בעסער מוזיק אלס די מענער.

מיימאנאוו: וואו האט איהר די לעצטע צייט קאנצערטען גע־געבען?

וואלפערט: אה, אין פערשיעדענע שטעדט. יעצט איז אבער א שווערע צייט פיר מיינע קאנצערטען. די מענשען זיינען פערנומען מיט דער רעוואלוציאן.

מיימאנאוו: און אנדערע כלמרשט־מענשען מיט פאגראמען מאכען אויף אידען.

וואלפערט: יע, דאקטאר. אין אלע אידישע שטעדט, וואו איך בין דורכגעפאהרען, ריכט מען זיך אויף פאגראמען.

מיימאנאוו: ביי אונז אין שטאדט אויך. מען זאגט, אז קרו־זשעוואן האט אונזער שטאדט פעראונרייניגט מיט זיין בעזוך.

וואלפערט: דאך גלויב איך ניט, אז עס וועלען נאך זיין פא־גראמען. די צייטונגען שרייבען, אז מיר וועלען באלד א קאנסטיטו־

ציאָן קריעגען, פיעליייכט נאָך היינטיגען מאָנאט אָקטאָבער.

מיימאנאָוו: איך ווייס אויך, וואס די צייטונגען שרייבען. א קאָנסטיטוציאָן! אָה, יע! ווען מיר וועלען זי אפילו קריעגען, וועט זי אויך געשריעבען זיין אויף פאפיר און ניט אויף די הערצער פון דעם רוסישען פאָלק.

וואָלפערט: וואס מיינט איהר, דאָקטאָר?

מיימאנאָוו: איך מיין, אז אידיש בלוט וועט זיך נאָך גיעסען אין רוסלאנד אונטער א קאָנסטיטוציאָן אויך. דער האס צום אידען, וואס מען האט פערפלאנצט אין דעם רוסישען פאָלק אין פערלויף פון הונדערטע יאָהרען, איז צוזאמענגעוואקסען מיט זיין גוף און נשמה, מיט זיין פלייש און ביינער, און קיין קאָנסטיטוציאָן, אפילו קיין ברייטערע פרייהייט, איז ניט אימשטאנד ארויסצורייסען ביים רוסישען פאָלק דאס, וואס עס ליעגט אין זיין פלייש און בלוט.

וואָלפערט: ווייסט איהר, דאָקטאָר, נאָך מיין מיינונג, זיינען די אידען אליין שולדיג אין זייערע צרות. זיי נעהמען א צו גרויסען אנטהייל אין דער רעוואָלוציאָן. מיינער א גוטער בעקאנטער. א בעריהמטער גענעראל, האט מיר ניט לאנג געזאָגט אין פעטערבורג, אז ווען אידען וואָלטען ניט געווען אזוינע רעוואָלוציאָנערען, וואָלט די רעגיערונג קיינמאָל ניט דערלאָזט צו פאָגראָמען.

מיימאנאָוו: אזוי? כא, כא, כא! אָך, מיין פריינד, איך צווייפעל ניט, אז אייער בעקאנטער גענעראל איז א בעריהמטער גענעראל, ער האט אייך אבער געזאָגט, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, א בעריהמטען גראָבען און פרעכען ליעגען! אייער בעריהמטער גענעראל ווייסט אזוי גוט ווי איך, אז דעם אידען וואָלט מען סאי־ווי־סאי געשלאָגען וואס און ווי ער זאָל ניט זיין. מען האט אונזער אידעלע געשלאָגען ווען ער איז שטילער געווען אלס וואסער, ניעדריגער אלס די ערד און מען וועט איהם יעצט שלאָגען, אז ער האט זיך אויפגעהויבען פון דעם שטויב א שטאָלצער העלד! מען האט איהם געשלאָגען ווען ער האט מיט מורא געשעפּצעט: מלכותא דארעא כמלכותא דרקיעא — אז דער מלך פון דער ערד איז אזוי הייליג ווי דער מלך פון הימעל, און מען וועט איהם יעצט שלאָגען, אז ער שרייט אין דער הויך: „ניעדער מיט דער זעלבסטהערשונג!“ מען האט איהם געשלאָגען, ווען ער האט געזונגען זיין „הנותן תשועה למלכים“ און מען

וועט איהם יעצט שלאָגען, אז ער זינגט די מארסעליעזא! מען וועט איהם אזוי לאנג שלאָגען, זאָלאנג ער וועט זיין א שטיעף־קינד ביי פעלקער. און א שטיעף־קינד ביי פעלקער וועט ער אזוי לאנג פער־בלייבען כל זמן ער וועט זיין אייגענע היים ניט האבען, אַן אייגענעם לאנד. דערווײלע אבער, כל זמן ער האט ניט זיין אייגענעם ווינקעל, איז גוט, וואס ער נעהמט אזא מערקווירדיגען אנטהייל אין דער רעוואָ־לוציאָן. דען אויסער וואס ער ליידעט אין רוסלאנד אלס איד, ליידעט ער נאָך אלס מענש גלייך מיט די איבריגע. און ווען די איבריגע שטרייטען, מוז ער מיט זיי מיטשטרייטען פיר אלגעמיינע מענשליכע רעכטע. דאס וועט איהם שפעטער לייכטער מאכען זיין שטרייט פיר זיינע אידישע רעכטע, פיר זיינע פאָלקס־רעכטע!

וואָלפערט: פון דעסטוועגען, דאָקטאָר, דענק איך, אז די אי־דישע רעוואָלוציאָנערען זיינען אביסעלע צו פרעך. א ביישפיעל וועל איך אייך געבען, וואס מיט מיר אליין האט פאַסירט. לעצטע וואָך בין איך געוועזן אין ביאַלאָסטאָק. זיץ איך איינמאָל אבענדס ביי מיי־נעם א פריינד, א פאבריקאַנט, קומען פלוצים אריין צוויי אידישע יונגע לייט מיט פיסטאָלעטען אין די הענד און פאָדערען פון אונז געלד פיר די אנארכיסטען און מיר האבען געמוזט זיי אָפּשטעקען געלד אויך...

מיימאנאָוו: פיר אזוינע ברואים איז די אידישע יוגענד ניט פעראַנטוואָרטליך. אפשר זיינען עס געוועזן פראָסטע זשוליקעס, וואס גיבען זיך ארוים פיר אנארכיסטען. און ווען זאָגאר אנארכיסטען, איז אפילו דער אנארכיזמוס אליין אלס לעהרע און אידעאל, אויך פיר אזוינע ברואים ניט פעראַנטוואָרטליך. אזוינע עקעלהאפטע בעשע־פענישען זיינען דער אָפּשוים פון דעם אנארכיזמוס, די כוליגאַנעם פון דעם אנארכיסטישען אידעאל!

וואָלפערט: וואס זייט איהר, דאָקטאָר? איך מיין צו וואס פיר א פארטיי בעלאַנגט איהר?

מיימאנאָוו: איך בין א איד, און בעלאנג צו איין פארטיי, און דיעזע איז דאס אידישע פאָלק. (עס דערהערט זיך חוה'ס פרעהלי־כער געלעכטער, צומישט מיט שיינדעלע'ס לאַכען.)

וואָלפערט: (טהוט זיך א הייב) דאס איז, דאכט זיך, יעווא אבראַמאָוונאַ'ס געלעכטער!

מיימאנאָוו: (מיט א שמייכעל) יע, מיין חוה שפּיעלט זיך מיט'ן קינד! (וואָלפערט זעצט זיך ווידער.)

וואָלפערט: דאס זעלבע לאכען, ווי מיט 9 יאָהר צוריק!
(דאס געלעכטער פרעהליכער. א מיאטשיק פליהט אריין אין זאל, טרעפט וואָלפערט'ן. ער טהוט זיך א הייב צומישט. גלייך פליהט אריין שיינדעלע מיט א לאכען און נאָך איהר חוה, מיט צופלאמטע באקען, מיט צושאָטענע האאר.)

חוה: כאפּ, כאפּ, שיינדעלע! כא, כא, כא! (דערזעהט פלו־צים וואָלפערט'ן.) אה! (בלייבט שטעהען מיט אויסגעגלאצטע אוי־גען אויף איהם.)

מיימאנאָוו: א סיורפּריז, חוה'לע, הא?

וואָלפערט: (צוגעגאנגען צו איהר, רייכט איהר די האנד.) זדראַווסטוואויטע, יעווא אבראמאָוונא!

חוה: (אויפגערעגט) זדראַווסטוואויטע, הערר וואָלפערט! (פּויזע. קוקט ווי צומישט און שמייכעלט.) ווירקליך א סיורפּריז! זעצט זיך, הערר וואָלפערט! (פערריכט זיך די האאר.) און דאס איז מיין קינד! שיינדעלע, גריס דעם אָנקעל.

שיינדעלע: אַן אָנקעל? (געהט צו צו איהם.) אוי, אזא שעה־נער אָנקעל! ווי רופט מען איהם?

וואָלפערט: איך האב די עהרע: וואָלפערט! זדראַווסטוואוי־טע, באַרישניא! (גיבען זיך די הענד, ער קושט זי.)

מיימאנאָוו: (הייבט זיך אויף) נא, איהר וועט מיר ענטשול־דיגען. איך האב נאָך וואס צו טהאָן. חוה'לע, איך געה שרייבען דעם ארטיקעל וועגען די דעלעגאציאָן צום גובערנאטאָר.

חוה: אבער דעם פּאפּא'ן, מאַאיסעי, זאָלסטו צופריעדען לאָזען!

מיימאנאָוו: דיין פּאפּא וועט דעם בעסטען חלק קריעגען, ווייל דיינער א פּאפּא האט געמעגט זיין ניט אזא (זאָגט איהר אויפ'ן אויער) שוויין. ענטשולדיגט, הערר וואָלפערט! (אָב רעכטס.)

שיינדעלע: (טהוט א קלאפּ דעם מיאטשיק אָן פּאָדלאָגע, כאפּט איהם אונטער, לויפט און שרייט, ווארפענדיג דעם מיאטשיק אָן פּאָדלאָגע.) זיידוניו, קום שפּיעלען אין מיאטשיק! (אָב.)

וואָלפערט: (נאָך א פויזע, אָנקוקענדיג חוה'ן.) איהר האט זיך עטוואס געענדערט, יעווא אבראמאָווגא, זייט...

חוה: (מיט א שמייכעל) איך בין מיט 9 יאָהר עלטער געוואָרען.

וואָלפערט: און שעהנער געוואָרען. (זעצט זיך.) איהר ווילט וויסען דעם אונטערשיעד, וואס איך בעמערק צווישען דער דאמאָלסדיגער יעווא אבראמאָווגא און דער יעצטיגער?

חוה: (מיט אראָפּגעלאָזענע אויגען און שמייכלענדיג.) איך וויים, אז עס מוז זיין אן אונטערשיעד. (זעצט זיך אויך.)

וואָלפערט: דאן זייט איהר געווען א ליעבע בלום, וואס האט אקערשט גענומען בליהען אין אָנפאנג פון א שעהנעם פריהלינג, און יעצט זייט איהר א בעצויבערענדע בלום, וואס האט זיך אזוי וואונדערבאר פאנאנדערגעבליהט.

חוה: אָה, ווי איהר האט זיך אויסגעלערענט צו זאָגען קאָמפּלימענטען! ווערט נור ניט בעצויבערט פון דיעזער בלום. (לאכט.) וועט איהר טרינקען טהעע, הערר וואָלפערט?

וואָלפערט: ניין, דאנקע. (נעהמט איהר האנד אין זיינע.) שוין 9 יאָהר, ווי די צייט לויפט, ווי די מענשען פארגעסען!

חוה: א גליק פיר די מענשען, וואס זיי קענען פארגעסען! (נעהמט ארויס איהר האנד פון זיינער.) נו, דערצעהלט מיר בעסער, וואס איהר מאכט, הערר וואָלפערט!

וואָלפערט: אָה, זעהר גוט! איהר האט, וואהרשיינליך, געהערט פון מיין ערפאָלג אלס מוזיקער...

חוה: אָה, א סך מאָל. און עס פרעהט מיך פיר אייך.

וואָלפערט: אינטערעסיר איך אייך נאָך יעצט אויך?

חוה: פארוואס ניט?

וואָלפערט: אבער ניט אזוי פיעל, וויפיעל מיט 9 יאָהר צוריק, ניט וואהר, יעווא אבראמאָווגא?

חוה: איהר אינטערעסירט מיך אלס אלטער גוטער פריינד.

וואָלפערט: וועלכער איז אייך אמאָל געווען זעהר טהייער?

חוה: אן אלטער פריינד איז אלע מאָל טהייער...

וואָלפערט: ווייל אלטע ליעבע ראָסטעט ניט?..

חוה: אָה, הערר וואָלפּערט, פון דעם דענק איך גאָר ניט, און איך האָף, אז איהר אַליין דענקט פון דעם אויך ניט.

וואָלפערט: אָה, יעווא אבראמאָווגא, אזוינע זאכען זיינען אין גאנצען ניט אָבהענגיג פון דעם דענקען. אזוינע זאכען ליעגען ניט אין קאָפּ, נור אין דעם הארצען.

חוה: א קאלטער קאָפּ קען אַלע מאָל בעהערשען דאס הארץ.

וואָלפערט: יע, פיעלייכט דאָן, וואן דאס הארץ איז נאָך קעל־טער פון דעם קאָפּ! מערקווירדיג, קיינמאָל האט נאָך ביי מיר דאס הארץ אזוי ניט געקלאפּט, זאָגאר ניט אויף מיינע ערשטע קאָנצערטען, ווי דאס מאָל, ווען איך בין צו אייך געגאנגען.

חוה: איך האָף, אז יעצט האט זיך אייער הארץ בערוהיגט.

וואָלפערט: יעצט בין איך ענטציקט. איך האב עס ניט ער־ווארטעט.

חוה: (שטעהט אויף) און איך, הערר וואָלפערט, האב עס אויך ניט ערווארטעט!

וואָלפערט: (הייבט זיך אויך אויף) ענטשולדיגט, יעווא אבראמאָווגא, איך האב גאָר נישט געמיינט. פיעלייכט האב איך אויסגערעדט א נארישקייט אונטער דעם איינדרוק פון די אַלטע גע־פיהלען, וואס דאס זעהען אייך האבען אין מיר ערוועקט. איך פער־זיכער אייך אבער, אז איך וועל אימער געדענקען, אז די בלום, וואס האט מיך יעצט אזוי ענטציקט, געהערט אַן אַנדערן.

חוה: אויב איהר וועט וועלען פערבלייבען מיין פריינד, וועט איהר עס מוזען געדענקען.

וואָלפערט: איך פערזיכער אייך, יעווא אבראמאָווגא.

חוה: (געהט צו צו איהם און דריקט איהם די האנד.) איך גלויב אייך. דאן וועט איהר אימער זיין אַן אַנגענעהמער גאסט ביי מיר און מיין מאַן, מיט וועמען איך לעב אזוי גליקליך.

וואָלפערט: איך האב געהערט, אז איהר לעבט גליקליך מיט אייער מאַן. (פּויזע—ווערגט זיך) מיך פרעהט עס.

חוה: איך דאנק אייך. יעדע פרוי, וואָלט מיט איהם געלעבט גליקליך, מיט אַזאַ עדלען, ליעבען מענשען, ווי דאָקטאָר מיימאנאָוו איז! איך האָף, אז איהר וועט איהם דערקענען נעהענטער, וועט

איהר איהם אויך אזוי ליעבען און שעטצען, ווי איך, און די גאנצע וועלט, וואס קען איהם.

וואָלפערט: קיין צווייפעל ניט אין דעם. (געהט צו צום פּיאַנאָ, זעצט זיך און שפּיעלט. פּויזע. מיט אויפרעגונג אין קול.) יעווא אבראַמאָוונא, געדענקט איהר עס?

חוה: (אויך אביסעלע אויפגערעגט) דאס איז דאָך, וואס מיר פלעגען אָפט שפּיעלען מיט 9 יאָהר צוריק. איהר אויף דער פּיעדעל און איך אויף דער פּיאַנאָ.

וואָלפערט: יע. ווילט איהר עס מיט מיר יעצט אויך פאַר־שפּיעלען אין פיער הענד?

חוה: צו וואס?

וואָלפערט: אזוי זיך. איך וויל זעהען, צו איהר האט ניט פערגעסען שפּיעלען.

חוה: אָה, לאָזט עס פיר אַן אנדער'ס מאָל.

וואָלפערט: נו, איך בעט אייך אלס גאסט, אלס אלטער פריינד...

חוה: (טראַכט און נאָך א פּויזע) איך מוז דאָך אייך צוליעב טהאָן. איך מוז דאָך זיין גאסטפריינדליך! (זעצען זיך און שפּיעלען אין פיער הענד.)

(עס רוקט זיך אריין אויף די שפּיץ פינגער ישראל'יקעל און נאָך איהם שיינדעלע, מיט דעם פינגער אין מויל.)

ישראל'ק: (בעגייסטערט צו שיינדעלע'ן, שטיל) הערסט, ציפּ־ליאַניקעל? אוי, אוי, א מחיה! שטעה דאָ, מיש ניט! (קראַצט זיך דעם קאָפּ.) אוי, אוי, מען דאַרף עס נאַשען פיר א ימים נוראים'דיגע שטיקעלע! אוי, אוי, האָסטו געזעהען? (בלייבט שטעהען אין א ווינ־קעלע א בעגייסטערטער, האלטענדיג שיינדעלע'ן פיר'ן האנד.)

צפּורה (קומט אריין מיט א בריעף אין די הענד.)

צפּורה: אוואו איז דער דאָקטאָר? א בריוועלע פיר איהם.

ישראל: (צו איהר) ציץ! זיי ניט מחלל די קדושה מיט דיין פּיסק!

צפּורה: זייט איהר משוגע? (אָב לינקס צום דאָקטאָר אין שטודיר־ צימער. קומט באַלד ארויס צוריק און געהט אָב רעכטס.)

(דאָקטאָר מיימאנאָוו קומט אריין מיט'ן בריעף
אין די הענד.)

מיימאנאָוו: וואונדערבאר! א וואונדערבארע זאך שפיעלט איהר! (זיי הערען אויף צו שפיעלען.) וואס איז עס וואס איהר שפיעלט?

חוה: (שפרינגט אויף בעגייסטערט.) אַן אַלטע ליעד, מאַאי־סעי! (ווארפט זיך איהם אויפ'ן האלז און טהוט איהם א קוש.)

מיימאנאָוו: וואונדערבאר זיעס און טרויעריג!

ישראל: פיש־פיש, א קאַטאָוועס, דאס איז די ריכטיגע סחורה, נעהמט ארוים די נשמה, רייסט ביים הארצען... פיש־אוי, אוי! האָסטו געזעהען? (שאָקעלט בעגייסטערט מיט'ן קאָפּ.)

מיימאנאָוו: נו, נו, שפיעל ווייטער, חוה'לע... איך מוז באלד אוועקגעהען, איך האב ערשט א בריעף געקראָגען, מען רופט מיך אויף א וויכטיגע אסיפה וועגען זעלבסט־שוטץ. מען מוז זיך פאָרבע־רייטען, טאָמער ברעכט פאָרט אויס א פאָגראָם... שפיעל, פערברענג כאָטש יעצט די צייט... שפעטער... ווער קען זאָגען, וואס שפעטער וועט זיין?

(צפורה אריין מיט מיימאנאָוו'ס קליידער, וועלכע
זי העלפט איהם אָנטהאָן.)

חוה: דו געהסט שוין אוועק? ווען וועסטו קומען?

מיימאנאָוו: דאס וויים איך ניט, קינדעלע. וואהרשיינליך, ווי געוועהנליך, ארום האלבע נאכט. א וויכטיגע אסיפה, קינדעלע! אדיע, הערר וואָלפערט! (דריקען זיך די הענד.) מיך פרעהט אייך צו קענען. איך האָף, אז איהר וועט זיין אָן אָפטער גאסט אין מיין הויז!

וואָלפערט: דאנקע, דאָקטאָר!

שיינדעלע: מאַמאַ, שפיעל מיט'ן אָנקעל ווייטער.

ישראל: שפיעל אָט דאס פריהערדיג שטיקעלע.

מיימאנאָוו: נו, טהו שוין זיי צוליעב.

חוה: נו, און איהר, הערר וואָלפערט?

וואָלפערט: אָה, איך שפּיעל מיט פערגנניגען. (זעצען זיך ביידע ביי דער פּיאַנאָ.)

חוה: דאס אַלטע ליעד?

וואָלפערט: איך דענק אַזוי!

מיימאנאָוו: יע, יע, חוה׳לע, שפּיעלט דאס זעלבע אַלטע ליעד. דיעזעס ליעד קלינגט אזוי זיעס און טרויעריג, אזוי ערהאבען און אזוי ליידענד, ווי דאס יעצטיגע אידישע לעבען אין רוסלאַנד!

(זיי שפּיעלען. דאָקטאָר מיימאנאָוו הערט זיך צו א ווײַלע, דאן געהט ער צו שטיל צו שיינדעלע׳ן, טהוט זי א קוש, און געהט שטיל ארוים. דאס שפּיעלען געדויערט נאָך א ווײַלע.)

(פאָרהאַנג.)

צווייטער אַקט

(דער זעלביגער זאַאַל וואס אין ערשטען אַקט. ארום דריי בייטאָג. דורך די פענסטער קוקט אריין א דונקעל ליכט פון א יעסין־אבענד. דאָקטאָר מיימאָנאָוו זיצט ביים טיש און שרייבט. פון צווייטען צי־מער הערט זיך דאס הארציג זינגען פון ישראל'יקלען זיינס א שטי־קעלע.)

מיימאָנאָוו: (שרייבט) און ווען אפילו רוסלאַנד זאָל יא קריע־גען א מין פּאַרלאַמענט, וועט די אידישע פראגע דאָרט אויך ניט פערענטפערט ווערען, ווי אונזערע אַסימיליאַטאָרס גלויבען. ווען דער צוקינפטיגער רוסישער פּאַרלאַמענט זאָל אפילו ערקלערען, אז די אידען זיינען אויך מענשען, גלייך מיט אלע איבריגע, וועט דיעזע ערקלערונג בלייבען אויף פּאַפּיר, אבער ניט אין די פערגיפטעטע הער־צער פון דעם רוסישען פאָלק. (טהוט זיך א כאַפּ.) און דער טאַטע זינגט נאָך אַלץ! וואס האט ער זיך היינט אזוי צוזונגען? ! (הייבט זיך אויף פון אָרט, געהט צו צום טהיר לינקס און רופט:) טאַטע, זיי אזוי גוט! (דאס זינגען הערט זיך ווייטער.) טאַטע! ער האט זיך שוין דאָרט היינגעריסען מיט זיין זינגען און הערט און זעהט שוין קיינעם ניט ארום זיך! (שרייט.) חוה'לע, זיי אזוי גוט, בעט דעם טאַטען, ער זאָל צו מיר אריינגעהען! (דאס זינגען ווערט איבער־געריסען.)

ישראל (מיט פער'חלום'טע אויגען און מיט שפּורען פון בעגייסטערונג אויף זיין פּנים, לויפט אריין.)

ישראל: דו דאַרפסט מיך, משה'ניו?

מיימאנאָוו: (ווייך) טאַטעניו, האב קיין פאראיבעל ניט, איך דארף ענדיגען א וויכטיגען ארטיקעל פיר מיין צייטונג, שטערסטו מיר מיט דיין זינגען. נעהם ניט פיר אומגוט, וואס איך זאָג עס דיר, אבער דער ארטיקעל איז זעהר א וויכטיגער. געהען אין רעדאַקציאָן שרייבען האב איך קיין צייט ניט. איך האב זיך געזעצט איהם שרייבען אין מיין קאַבינעט, הערט מען דאָרט דיין זינגען, בין איך אוועק אהער שרייבען, איז דאָ נאָך ערגער.

ישראל: (מיט רחמנות) משה'ניו, איך וויל דעם כלי־זמר ווייזען, אז איך בין אויך ניט קיין קאַליעקע. אז ניט מיינט ער דאָך, אז נור ער איז אן אדם... האָסטו געהערט?

מיימאנאָוו: וואס האָרט דיך, טאַטוניו, וואס וואָלפערט דענקסט? איך זאָג דיר, אז דו ביזט א גרויסער מנגן.

ישראל: איאָ, משה'ניו, דיין טאַטע איז ניט קיין קאַליעקע? און דער כלי זמר מיינט, אז נור ער... (מיט געבעט) משה'ניו, אָט איך וועל באַלד קאָנטשען מיין שטיקעלע, לאָז ער הערען, הא, משה'־ניו? (גלעט איהם דעם ארבעל) האב קיין פאראיבעל ניט, זוהנוניו, איך וועל באַלד קאָנטשען. ער איז א כלי־זמר, אונזערער א מענש און דיין אַלטען נארישען טאַטען שטעהט ניט אָן, אז א כלי־זמר זאָל איהם מבטל זיין... הא, זוהנוניו?

מיימאנאָוו: נו, נו, געה קאָנטשע! (צינדט אָן דעם לאָמפּ אויפ'ן טיש.)

ישראל: אצינד איז ביי מיר די כלי ריין, א מחיה, שפּעטער, חלילה... האב קיין פאראיבעל ניט, זוהנוניו... איך וועל נור דאס שטיקעלע קאָנטשען. האָסטו געזעהען? שוין פיער וואָכען, אז ער קומט צו אונז אריין און קיין איין שטיקעלע מיינס האט נאָך ביי איהם ניט אויסגענומען! אזא חזיר־שער כלי זמר! (לויפט אוועק צוריק לינקס.)

מיימאנאָוו: (זעצט זיך ווידער שרייבען. עס דערהערט זיך ישראל'קעס זינגען. ער הייבט זיך אויף.) עס העלפט ניט, איך וועל מוזען געהען אין רעדאקציע ענדיגען מיין ארטיקעל. (שרייט) צפורה! צפורה!

צפורה (אריין, ווישענדיג די הענד מיט'ן פארטוך.)

צפורה: איך בין דאָ, דאָקטאָר.

(פון צווייטען צימער וואָלפּערט'ס געלעכטער, וועלכער רייסט איבער ישראל'קעס זינגען און דאַן ישראל'קעס אויפגערעגטער קול.)

מיימאנאָוו: זייט אזוי גוט, ברענגט מיר אריין מיין ראָק, הוט און שטאָק.

צפורה: אָט איך געה גלייך, אויף איין פוס! (אָב.)

מיימאנאָוו: (צוגעגאנגען צום טהיר לינקס.) אדיע, חוה'לע, **איך** געה אין רעדאַקציע! אדיע, הערר וואָלפּערט!

חוה, וואָלפּערט און ישראל'קע אויפגערעגט, מיט
אַ פּיפּקע אין מויל, קומען אריין.)

חוה: אויף ווי לאַנג געהסטו אוועק, מאָאיסעי?

מיימאנאָוו: איך דענק, איך וועל באלד זיין צוריק.

חוה: האָסטו שוין דיין ארטיקעל געענדיגט?

מיימאנאָוו: א האַלבען אַרטיקעל האב איך שוין אָנגעשריעבען, און וועל איהם דיר אבער פאָרלעזען, ווען איך וועל איהם האבען אין גאַנצען פארטיג.

חוה: שוין דריי וואָכען, אז דו האָסט מיר דיינע ארטיקלען ניט געלעזען, מאָאיסעי. איבערהויפּט די לעצטע דריי וואָכען האָסטו גאָר אין גאנצען פערגעסען, אז איך לעב אויך ערגיץ אויף דער וועלט.

מיימאנאָוו: וואס רעדסטו, חוה'לע? דו מאַכסט מיר פאָרווירפע, ווייל?... קינדעלע, דו ווייסט דאָך, ווי איך בין פערנומען אויף די פערשיעדענע אסיפות. די צייט, חוה'לע, איז זעהר א קאָכעדיגע, און אויף דעם פייער פון דיעזער צייט קאָך איך מיין פּלאַן וועגען פעראייניגונג.

חוה: אבער ביז יעצט פלעגסטו מיר דערצעהלען אלע דיינע פּלענער, פלעגסט מיך פעראינטערעסירען מיט דיינע געדאַנקען און איינדריקע. און יעצט? זייט די לעצטע דריי וואָכען געפינסטו פיר מיר ניט אפילו קיין צעהן מינוט צייט.

מיימאנאָוו: דו ביזט גערעכט, חוה'לע, אבער דו וועסט מיר

מוזען ענטשולדיגען, ביז איך וועל אביסעלע פרייער ווערען. ווירק־ליך, די לעצטע צייט האב איך כמעט גאָר ניט גערעדט מיט דיר. איך קום אהיים ביי נאכט, שפעט, ווען דו שלאָפסט שוין. ביי טאָג בין איך פערנומען מיט דער ארבייט אין דער רעדאקציע, פארנאכט מיט די פאציענטען, ביינאכט מיט די אסיפות. אבער איך האָף, אז אין קורצען וועל איך זיך ווידער מיט דיר קענען אפּגעבען ווי ביז אהער. איבערמאָרגען, דעם 18טען אָקטאָבער, קומען זיך צונויף ביי אונז אין הויז די פאָרשטעהער פון אלע אידישע פארטייען. דאן לעג איך זיי פאָר מיין פלאן וועגען פעראייניגונג. דעם פלאן וועלען זיי זיכער אָננעהמען. דאן ועסטו אויך אריינטרעטען אין דער גרויסער פער־אייניגטער אידישער פארטיי און צוזאמען מיט מיר וועסטו ארבייטען פיר דער אידישער גאולה. איאָ, חוה׳לע? (זי שווייגט) וואס שווייג־סטו? ביזט ברוגז אויף מיר? (זי טהוט א זיפץ.) דו זיפצסט? וואס איז מיט דיר? (פויזע, טהוט זיך א כאפּ.) זעה נור, ווי האב איך עס ניט בעמערקט! דו זעהסט אוים עפּעס אזוי בלייך, חוה׳לע?

חוה: (צושראָקען) איך בלייך? וואס פאלט דיר איין?

(וואָלפערט נערוועז, זעצט זיך ביי דער פיאנאָ.)

מיימאנאָוו: (גוטמוטהיג סטראשעט זי מיט׳ן פינגער.) אוי, אוי, דו נארסט מיך, חוה׳לע! דיר טהוט עפּעס וועה, און זאָגסט מיר ניט! דו נארסט מיך, חוה׳לע!

חוה: (צומישט) איך נאר דיך? (טרעט אָפּ נעהענטער צו וואָלפערט׳ן נעבען דער פיאנאָ.) וואס רעדסטו, מאָאיסעי? (לאכט געצוואונגען.) כא, כא, כא! האב איך דיך שוין אמאָל גענארט? און איך האָף, אז אויף ווייטער וועל איך דיך אויך ניט נארען. (טהוט זיך האלב א קעהר צו וואָלפערט׳ן און פערטראכט.) דאָקטאָר מיי־מאנאָוו׳ס פרוי וועט איהר מאן ניעמאלס נארען! (וואָלפערט בייגט צו צום פיאנאָ דעם קאָפּ און קלייבט איבער די קלאווישען מיט די פינגער.)

(צפורה אריין מיט מיימאנאָוו׳ס זאכען, העלפט איהם זיך אָנציהען.)

מיימאנאָוו: (אָנגעטהאָן זיך, מיט דעם שטאָק אין האַנד, ווייך:) ווירקליך, חוה'לע, זאָג: טהוט דיר עפּעס וועה?

חוה: גאָר נישט, גאָר נישט, וואס האָסטו זיך איינגערעדט?

צפורה: דאָקטאָר, גיט עפּעס דער מאַדאַם א ריכטיגע רפואה, זי קוקט אויס, ווי א שוואַרץ יאָהר! (אָב.)

מיימאנאָוו: (מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל) ס'רא ווילדע, ווי זי רעדט עס! דו געהסט היינט ווידער אויפ'ן קאָנצערט?

חוה: ניין, מיר דאַכט זיך, איך וועל אויפ'ן קאָנצערט היינט ניט געהען! (וואָלפּערט ביים פּיאַנאָ טהוט זיך א כאַפּ און קוקט זי אָן עטוואס צומישט.) מאָנסיע וואָלפּערט האט אפילו בילעטען געבראכט, אבער איך בין שוין געוועזן אזוי פיעל מאָל.

וואָלפּערט: (מיט פערשטיקטער אויפרעגונג אין קול) מיין היינטיגער קאָנצערט וועט זיין א גאַנץ בעזאָנדערער, יעווא אבראַמאָווגא!

ישראל: (טרעט פלוצים ארוים מיט כעס, מאַכענדיג מיט דער פּיפּקע אין לופטען.) זי האט רעכט, חוה'לע, זי דאַרף מעהר ניט געהען אויף זיין קאָנצערט. געוועזן א צעהן מאָל איז גענוג. א טהייערע מצאַצע צו הערען א כלי זמר, האָסטו געהערט? (ער געהט צו מיימאַנאָוו און שטיל:) וואס הינעט ער דאָ גאַנצע טעג, דער כלי זמר'וק? ער גיט איהר ניט קיין מינוט רוה! (לויפט אָב צוריק און רויכערט אויפגערעגט די פּיפּקע.)

מיימאנאָוו: (גוטמוטהיג) כאַ, כאַ, כאַ! דער טאַטע האט זיך שוין צודראָפּעט מיט הערר וואָלפּערט! צוויי ארטיסטען לעבען זעלטען אין שלום!

וואָלפּערט: (מיט איראָניע) נו, יע, מיר זיינען קונסט-קאָנקורענטען...

ישראל: (מיט כעס קוקענדיג אויף וואָלפּערט'ן) הא, וואס האט דער כלי זמר געזאָגט?

חוה: קום דו אויך היינט אויפ'ן קאָנצערט, מאַאיסעי.

מיימאנאָוו: ניין, חוה'לע, איך קען ניט. איך האב היינט א נעטהיגע פערזאַמלונג וועגען דעם זעלבסט-שוטץ. געה אָהן מיר. איך וועל שוין פערגניגען האבען פון דעם, וואס דו האָסט פערגניגען! (געהט צו צו וואָלפּערט'ן און דערלאַנגט איהם די האַנד.) ווירקליך,

הערר וואָלפערט, איך דאנק אייך פיר דאס פערגניגען, וואס איהר פערשאפט מיין פרוי. דיעזען סאָרט פערגניגען פון בעזוכען קאָנצערטען האט זי די לעצטע דריי יאָהר ביי מיר גאָר ניט געהאט, איך בין צופיעל פערנומען מיט מיין געליעבטער. איהר ווייסט דאָך, וועמען איך מיין? אדיע, הערר וואָלפערט!

וואָלפערט: (אויפגעשטאַנען) אדיע, דאָקטאָר!

מיימאנאָוו: אדיע, חוה'לע, טאטע! (געהט מיט'ן שטאָק אין האנד.)

חוה: (בעגלייטענדיג איהם פערטראכט מיט די אויגען.) אדיע! (טהוט זיך פּלוצים א כאפּ.) מאַאיסעי! (ער בלייבט שטעהען. — פּויזע. זי קוקט איהם אָן.) דו מוזט יעצט אוועקגעהען? איך האב געוואָלט מיט דיר עפּעס רעדען. (וואָלפערט ווערט שטארק נערוועז.)

מיימאנאָוו: רעדען? וועגען א וויכטיגע זאך?

חוה: ניין, אזוי רעדען! (טהוט זיך א כאפּ.) עה, דומהייטען, דאס איז גאָר נישט! דומהייטען... אדיע, קום היינט פריהער, איך בעט דיך.

מיימאנאָוו: אויב איך וועל נור קענען, חוה'לע! אדיע! (אָב.)

חוה: אדיע! (טהוט א זיפץ.)

ישראל: וואס זיפצסטו, טאָכטער'ל? טאקע דו זעהסט אויס גאָר לא עליכם'דיג. דו וואָלסט זיך שלאָפען צוגעלעגט, אפשר וואָלסטו דעמאָלט בעסער געפיהלט. וואס פעהלט דיר?

וואָלפערט: עס פעהלט איהר, מאָנסיע ישראל, דער ריכטיגער חזן'אישער אויער פיר די ריכטיגע מוזיק!

ישראל: איהר פעהלט שוין גאָר ניט דער ריכטיגער חזן'אישער אויער. זי פיהלט שוין ישראל'קיל מנגן'ס א שטיקעלע. איהר אליין נור האלט ניט פון ישראל'קע מנגן, ווייל ביי אייך, מאָשיע, פעהלט טאקע דער ריכטיגער חזן'אישער אויער פיר מיין'ס א שטיקעלע! האָסטו געהערט?

וואָלפערט: (לאכט) אויף וועלכער זייט פעהלט מיר דער חזן'אישער אויער? (טאפּט זיך די אויערען פון ביידע זייטען.) דאָ פעהלט ניט און דאָ אויך ניט.

ישראל: דער ריכטיגער חזן'אישער אויער, מאָשיע, איז ניט דאָ און ניט דאָרט, נור דאָ! (קלאַפּט זיך אין ברוסט.) דאָ, אין האר-

צען, אין דער נשמה. אָט וואו דער ריכטיגער חזן'אישער אויער ליעגט! אויף דעם זעלבען אָרט, וואו די נשמה יתירה ליעגט ביי דעם אידען!...

וואָלפּערט: איהר הערט, יעווא אבראמאָוונא? (זי שטעהט ביים פענסטער פערטראכט און קוקט ארויס אין דרויסען.) און וואו ליעגט ביי אייך דער ריכטיגער חזן'אישער אויער? (זי שווייגט, ער טהוט א זיפץ.) אָה, יע, איך האב גאָר פערגעסען, ביי אייך זיינען ביידע אויערען פערשטאָפּט פיר לעבענס־מוזיק!

חוה: דאס אונגליק איז אבער, וואס איהר פערגעסט עס אזוי אָפט!

וואָלפּערט: יאָ, און וואס איהר דערמאָהנט עס מיר אזוי אָפט!...

ישראל: זי פערשטעהט שוין מוזיק, האט נור קיין מורא ניט, מאָשיע! און אויף דער „פּורטעפּיאַנע" שפּיעלט זי אויך בעסער פון אייך!...

וואָלפּערט: אזוי אויף דער „פּורטעפּיאַנע" אויך? אָה, היי־ליגער שטרוי־זאַק, דער ווערטהער מאָנסיע ישראלק'ל האלט פון מיר גאָר ניט! (שפּיעלט א חזן'אישע שטיקעלע.)

חוה: (צולאכט זיך) ווי קאָמיש איהר זייט, הערר וואָלפּערט! איהר קענט מאכען לאכען אפילו א טויטען! איהר הערט, שווער? מאָנסיע וואָלפּערט שפּיעלט דאָך אייער שטיקעלע, וואס איהר האט פריהער פיר איהם געזונגען!

וואָלפּערט: (אויפגעהערט צו שפּיעלען.) גוט, הא? האב איך שוין א ריכטיגען חזן'אישען אויער? (חזן'ט זיך מיט דער האלז.) אי־הו־הי־הי־הא! אוי, טאַטוניו, פּאָטער'ל, בים־באם־באם־בו! (קלאפּט צו אויף דער פּיאַנאָ.)

חוה: כא, כא, כא! אוי, גענוג אייך שוין! מיר ווילט זיך ניט לאכען!

ישראל: פּונקט ווי א גוי קרימט נאָך א אידען! (געהט צו צו איהם צורייצט.) הערט נור, מאָשיע! וואס מיינט איהר, אז איהר קענט טאררארייקען אויף דער פידעל, מעגט איהר שוין לאכען פון מיינע שטיקעלאך? ישראל'קע מנגן האט מיט זיינע שטיקעלאך גרעסערע קונצען בעוויעזען, ווי איהר מיט אייער טיאכקען אויף דער

פיעדעלע! פאלקאווניקעס און יענעראלען האבען די פינגער געלעקט פון מיינע שטיקעלאך... האסטו געהערט? א כלי זמר לאכט אויך פון ישראל׳קע מנגן!

וואלפערט: און וואס נאך פיר א כלי זמר, ווערטהער מאנסיע, אהן דעם ריכטיגען חזן׳אישען אויער אפילו!

ישראל: מאשיו, מאשיו! וואס רופט איהר מיך „מאשיו?״ מיין נאמען איז ישראל, ישראל׳קע מנגן! און איך בעט אייך, אז איהר ווילט צו מיר רעדען, זאלט איהר מיך רופען ר׳ ישראל, אט ווי אלע אידען ניט קיין שקצים רופען מיך! (צורייצט) אבער בעסער רעדט צו מיר גאר ניט, ר׳ מאשיו! (זעצט זיך ביים טיש און רויכערט אויפגערעגט.)

חוה: מאנסיע וואלפערט, צו וואס קריעגט איהר זיך ארום מיט מיין שווער? (ווינקט צו איהם מיט די אויגען, ער זאל איהם לאזען צורוה.)

וואלפערט: אייער שוויגער־פאטער האט ווירקליך דעם שטאלץ פון אן ארטיסט, יעווא אבראמאוונא!

חוה: און ער האט דעם טאלענט און נשמה פון א וואהרען ארטיסט אויך!

וואלפערט: (מיט איראניע) איהר מיינט דעם חזן׳אישען אויער, יעווא אבראמאוונא?

חוה: ערנסט, איך מיין, ווען ער זאל זיין טאלענט האבען אויסגעבילדעט אין א קאנסערוואטאריום.

וואלפערט: (מיט א שמייכעל) וואלט ער דאן ערשט געקראגען דעם ריכטיגען חזן׳אישען אויער? אזוי מיינט איהר, יעווא אבראמאוונא?

ישראל: (שפרינגט אויף צורייצט) מיין שנור׳ס נאמען איז חוה, מאשיע! זי איז א אידישע טאכטער, מאשיע! זי איז מיין זוהן דאקטאר מיימאנאוו׳ס ווייב, מאשיע! און דאקטאר מיימאנאוו, מאשיע!...

חוה: שווער, וואס איז עס מיט אייך היינט?

ישראל: חוה׳לע, ער לאכט פון דיר, ער לאכט פון מיר. וואס פיר א מחותן איז ער מיט דיר? וואס רופט ער דיך מיט א גוי׳עשען נאמען? ער וואלט דיר בעסער געלאזט אפרוהען, און ניט זיצען דא

גאַנצע טעג. דו ביזט געוועהנט צו שלאָפען בייטאָג און ער לאָזט דיך ניט!

חוה: שווער, פע, איהר זייט היינט גאָר ניט עדעל!

וואָלפערט: ליעבער אַלטער ר' ישראל'קע מנגן, איך קען יעווא אבראַמאָווגאַ'ן פריהער פון אייך. דאס איז נומער איינס. נומער צוויי, בין איך א שטיקעל ציוויליזירטער מענש און אָבוואָהל איך האַלט ניט פון דעם „שטייגער" און „גוסט" פון אידישע בעלי־תפלות, האַלט איך אבער פון דעם שטייגער און גוסט פון ציוויליזירטע מענשען, צו שפּרעכען צום צווייטען אויף א ציוויליזירטער שפּראַך, מאָנסיע ישראל'ק...

ישראל: און אז מען איז א ציוויליזירטער מאָשיע, דאַרף מען זיין א חזיר א מאָשיע, וואס?

חוה: אוי, שווער, איהר זייט היינט גאָר ניט עדעל. עס וואונדערט מיך!

ישראל: וואס וואונדערסטו זיך, נאַרוניו? איך בין ניט קיין ציביליזירטער מאָשיע! מילא, זאָל זיין, אז דער כלי זמר איז גערעכט, מיין דאגה, וואס ער האַלט ניט פון מיר! (געהט צו צום טהיר רעכטס און שטעלט זיך אָפּ.) האסטו געהערט? א כלי זמר איז אויך אַן אדם! ער איז מיך אויך מבטל! (שרייט פּלוצים אוים.) ר' מאָשיע, און איך זאָג אייך, אז אייער שפּיעלען אויפ'ן פיעדעל איז אפילו קיין צובראָכענעם גראָשען אויך ניט ווערטה! (אָב אין טהיר רעכטס.)

וואָלפערט: כא, כא, כא! פּעררי קט! (שטעהט אויף פון אָרט, זעצט זיך איבער אין קרעסלאָ און קוקט אויף חוה'ן מיט בלי־שצענדיגע אויגען.)

חוה: (זעצענדיג זיך אויך אין א קרעסלאָ.) צו וואס האט איהר געדארפט צורייצען דעם אַלטען? וואס פיר אַן עגאָאיסט איהר זייט, ווי איהר האט ליעב צו מוטשען מענשען. מיך געמוטשעט און יעצט איהם!

וואָלפערט: איך מוטשע זיך אויך, יעווא אבראַמאָווגאַ!

חוה: אייך וויל קיינער ניט מוטשען. און דער אַלטער איז אודאי ניט שולדיג, וואס איהר מוטשעט זיך.

וואָלפערט: דער אַלטער איז פון אייער מאַן'ס משפּחה!..

(הייבט זיך אויף און זעצט זיך נעבען איהר. נעהמט אריין איהרע הענד אין זיינע און מיט געבעט אין קול) יעווא!

חוה: (נעהמט ארויס די הענד פון זיינע, צומישט און אויפ־הייבענדיג זיך פון אָרט) שוין ווידער? איך בעט אייך, פערגעסט זיך ניט!

וואָלפּערט: (הייבט זיך אויך אויף פון אָרט און מיט געפיהל) איך קען אנדערש ניט, יעווא! עס איז ניט מיין שולד. ניט זייט היינט ליעב איך אייך און ניט זייט נעכטען. איידער איהר האט אייער מאַן געקענט האב איך אייך שוין געליעבט. און איהר אליין, יעווא אבראמאָווגא, האט מיך, דאכט זיך, דאַן אויך אַביסעלע געליעבט!

חוה: איך האב אייך אזוי פיעל מאָל שוין געבעטען: רעדט ניט מעהר פון דעם. איך זאָג אייך יעצט ווידער: איך האב אָן דעם פערגעסען... (זעצט זיך ווידער אין קרעסלאָ.)

וואָלפּערט: און איך קען עס ניט פערגעסען און וועל עס קיינ־מאָל ניט פערגעסען, זאָלאנג איך וועל לעבען! געדענקט איהר, ווי מיר פלעגען ביידע שפּיעלען ביי אייערע עלטערן אין זאַל? איהר אויף דער פּיאַנאָ און איך אויף דער פיעדעל, איהר געדענקט? אויפ׳ן גאַס אונטער די אָפענע פענסטער שטעהט א גרויסער עולם, מענער, ווייבער און קינדער, אידען און קריסטען, הערען זיך צו צו אונזער שפּיע־לען, אפּלאָדירען און שרייען „בראַוואָ.‟ מיר זיינען אזוי גליקליך. ביי אייך זיינען די בעקעלאך צוברענט, די שעהנע ליכטיגע אויגען שפּריצען מיט פרייד און גליק.

חוה: (שטיל) יע, יע, איך געדענק... (לעגט זיך אָפּ טרוי־מעריש מיט דעם קאָפּ אָן דער ווענטעל פון קרעסלאָ און מאכט צו די אויגען.)

וואָלפּערט: און די שעהנע זומער־אבענדען אין גובערנאַ־טאָר׳ס גאָרטען?... אָה, ווי גליקליך מיר ביידע זיינען דאַן געוועזן! מיר זיצען אין א זייטיגער אַלעע, בעהאַלטען פון מענשען. די בוימער רוישען און זינגען. דער אויסגעשטערענטער הימעל איבער אונז זינגט, אונזערע יונגע הערצער זינגען. (ער געהט צו צו איהר נאָהענט. זי ריהרט זיך ניט, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אָן ווענטעל פון קרעסלאָ.) און מיר זיצען איינער נעבען אנדער׳ן און חלום׳ן פון אונזער צוקינפטי־

נען גליק! (שטעלט זיך אויף די קניע און לעגט אוועק זיין קאָפּ אויף איהר שויס.) יעווא! (קרעכצט.)

חוה: (טהוט זיך א צאַפּעל, שוידערט און מיט שרעק) וואס טהוט איהר?! וואס טהוט איהר?! (שפּרינגט אויף פון קרעסלאָ.)

וואָלפערט: (שטעהט אויף פון די קניע און קרעכצט) איהר האט דאָך מיך דאן אזוי געליעבט... אין אייער הארצען מוז דאָך נאָך זיין א פונק פון יענער ליעבע צו מיר?

חוה: אָך, איך וועל משוגע ווערען! אבער מענש, שלאָגט זיך ארויס דעם חלום פון קאָפּ. פריהער איז עס געוועזן א חלום און יעצט א חלום. ערוואַקסענע מענשען טאָרען זיך ניט לאָזען בעהער־שען פון חלומות! (זעצט זיך ביי דער פּיאַנאָ.)

וואָלפערט: דער נארישער חלום קען ווערען א גליקליכעווירקליכקייט, ווען איהר זאָלט וועלען! מיט ניין יאהר צוריק האט אייער רייכער פאָטער ניט דערלאָזט, אז אונזערביידען'ס חלום זאָל פערווירקליכט ווערען. יעצט וואָלט אייער פאָטער פיר א גרויסע עהרע געהאַלטען, ווען דער בעריהמטער קינסטלער וואָלפערט וואָלט געווען זיין יעווא'ס מאַן... (ליידענשאַפטליך.) יעווא, איך קען מיר ניט העלפען, דאס הארץ קען איך פון זיך ניט ארויסרייסען!

חוה: אוי, פארוואס זייט איהר געקומען? איך האב דאָך געהאט אָן אייך שוין לאַנג פערגעסען! (פאַלט צו צום קלאַוויר און צואוויינט זיך.)

וואָלפערט: מיר האט זיך אויך געדאַכט אין דער פרעמד, אז איך האב אָן אייך פערגעסען, אבער ווען איך בין געקומען אהער מיט א מאָנאט צוריק און האב דערזעהען דאס ערשטע מאָל נאָך ניין יאהר מיין יעווא'ן נאָך א שעהנערע און ליעבערע ווי אמאָל, האב איך דער־פיהלט, אז אָהן איהר ליעבע איז מיין גאַנצער רוהם, די בלומען און קראַנצען, די אפּלאָדיסמענטען, די מוזיק, אַלעס, אַלעס, וואס האט ביז יעצט בעשיינט מיין לעבען, נור שטויב און רויך!

חוה: (שטעהט אויף און פערצווייפעלט.) אוי, איך וועל משוגע ווערען! (מיט א בעטענדיגער שטימע.) אוי, רעדט ניט צו מיר אזוי, רעדט ניט! איך בין א פערהייראַטעטע פרוי, א מוטער פון א ליעב קינד! און מיין מאַן איז דאָקטאָר מיימאָנאָוו, איהר הערט? דאָק־

טאָר מיימאָנאָוו! און איך וועל בעסער שטאַרבען, איידער איך וועל איהם אונגליקליך מאַכען!

וואָלפערט: אייער מאַן לעבט ניט פיר אייך. ער לעבט אין גאַנצען פיר זיין אידישען פאָלק. פיר איהם וואָלט ער די גאַנצע וועלט אויפגעאָפּפערט מיט אייך צוזאַמען און איך וואָלט די גאַנצע וועלט אויפגעאָפּפערט פיר אייך!

חוה: דאס בעווייזט וואס פיר אַן ענגאָאיסט איהר זייט, פיר דאס ביסעלע פערגניגען וואָלט איהר א וועלט אומגעבראַכט!

וואָלפערט: איך בין ניט קיין היילינגער, איך בין נור א זינדי־גער אַרטיסט מיט א פלאַמענדער זעעלע. ווען איך ליעב, לייד איך, לייד איך טיעף!

חוה: און מיין מאַן האט אויך א פלאַמענדע זעעלע און איז א היילינגער. איהר ליידעט, ווען איהר אליין ליעבט, און ער ליעבט, וויל דער אַנדערער ליידעט. אָה, איך קען מיין מאַן! א גרויסע פערזענליכקייט איז ער, איינע צווישען מיליאָנען מענשען!

וואָלפערט: יעווא, איהר רעדט ניט דאס, וואס איהר פיהלט! דערמאָהנט זיך נור, וואס איהר אליין האט מיר פיעל מאָל געזאָגט, אַז מאַנכעס מאָל דאַכט זיך אייך, אַז אייער מאַן לעבט אין איין וועלט און איהר אין אַן אַנדערער. און דאס איז אמת, יעווא, אמת! וויל איהר מיט אייער לעבהאַפטען כאַראַקטער נעטהיגט זיך אין פערזענ־ליכען גליק, וויל אייער נשמה ציהט זיך צום לעבען, צו פרייד און ליכט — און דאס קען אייך אייער מאַן ניט פערשאַפען, נור איך אליין, איך, דער מאַן, וואס האט אייך נאָך פריהער געליעבט און וועמען איהר האט אייער הארץ אָפּגעגעבען נאָך פריהער איידער איהר האט אייער מאַן דערקענט!

חוה: מיין הארץ בעלאַנגט יעצט צו מיין מאַן און זיין הארץ בעלאַנגט צו מיר.

וואָלפערט: צו זיין פאָלק בעלאַנגט זיין הארץ, צו זיינע פאַנ־טאַזיען, וואס וועלען קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען!

חוה: איך וועל איהם אַלעס ערקלערען, דאַן וועט ער וויעדער זיין דער ליעבענסווירדינער מאַן צו מיר, וועט וויעדער מיט מיר בע־זוכען געזעלשאַפט ווי פאר דעם קישענעווער פּאָגראָם. אָה, ער וועט מיך פערשטעהען! (שטיל און נערוועז, פיר זיך) ער וועט מוזען

מיך רעטען פון זיך אַליין, איך וועל איהם זאָגען, אַלעס וועל איך איהם זאָגען!... (געהט צו צום פענסטער און טהוט זיך א קעהר צו איהם, און הויך, מיט א נערוועזיטעט אין קול) ער ליעבט מיך! איך ליעב איהם אויך! די גאַנצע וועלט ליעבט און פערגעטערט דאָקטאָר מיי־מאָנאָוו, איך נאָך מעהר! (שטארק נערוועז) איהר הערט? איך נאָך מעהר!

וואָלפערט: (פּלוצים אויפברויזענד) ניט וואהר! איהר רעדט ניט דאָס, וואס איהר פיהלט! איהר ליעבט מיך, מיך! איך פיהל עס אין אייער שטימע, איך זעה עס אין אייערע אויגען! (טהוט זיך א וואַרף צו איהר.) יעווא, איהר האט קיין רעכט ניט צו וועלען טויטען אין זיך דאס לעבען! (כאַפּט זי ארום, זי ציטערט.) קום אין מיין וועלט, יעוואָטשקאַ! דאָרט איז לעבען, ליכט און פרייד, דאָרט וועלען מיר ביידע גליקליך זיין!

חוה: (טהוט זיך א ריס פון איהם) לאָזט! געגוג! קיין וואָרט מעהר פון דעם! (געהט צו צום טיש און געבראָכען) אָה, פארוואס מוטשעט איהר מיך אזוי? (פאַלט צו צום טיש געבראָכען און וויינט.)

וואָלפערט: (טהוט א זיפץ, געהט צו צום פיאנאָ, זעצט זיך, שפּיעלט עפּעס טרויעריגעס און פּלוצים צוואוויינט ער זיך.)

(פויזע. עס דערהערט זיך א קלונג פון טהיר־גלאָק.)

חוה: (שפּרינגט אויף, געהט צו צום פענסטער און קוקט ארויס.) מיין שוועסטער מאשא געהט אהער! (טהוט זיך א קעהר צו וואָלפערט'ן און בעמערקט, אז ער וויינט, טהוט זי זיך א טרייסעל און לויפט צו צו איהם.) איהר וויינט? וואָלפערט! נו, האט רחמנות איבער זיך און איבער מיר, בעזינט זיך, איהר זייט דאָך ניט קיין קינד! (ער וויינט. זי מיט טרערען.) נו, זייט דאָך ניט אזא שלעכטער, צורייסט מיר ניט דאס הארץ! (טהוט זיך א כאַפּ.) אוי, מיין שוועסטער געהט אהער! וואָלפערט, איך וויל ניט, זי זאָל אייך יעצט דאָ טרעפען! איך בעט אייך.

וואָלפערט: (אויפגעשטאנען, מיט טרערען.) אך, פארוואס טאקע בין איך אהער געקומען?

חוה: (מיט צומישטע אויגען, צולויפענדיג צום פענסטער.) זי שטעהט נאָך! מען האט איהר נאָך די טהיר ניט געעפענט. געהט יעצט, געהט! איהר קוקט אוים אזוי אויפגערעגט. איך וויל ניט, זי זאָל אונז יעצט טרעפען.

וואָלפערט: איך געה. (פויזע) וועט איהר היינט זיין אויפ'ן קאָנצערט?

חוה: ניין, ניין, לאָזט מיך היינט צופּ יעדען.

וואָלפערט: איהר מוזט היינט זיין. זאָל קיינער ניט זיין אויף היינטיגען קאָנצערט, אבער איהר מוזט דאָרט זיין. איך וועל היינט שפּיעלען פיר איך, נור פיר איך אליין.

חוה: איך קען היינט ניט זיין.

וואָלפערט: (ענטשלאָסען) וועט איהר ניט זיין, וועט קיין קאָנצערט ניט זיין.

חוה: (נאָך א פויזע און שטיל) גוט, איך וועל זיין. נו, יעצט געהט, מאשא קומט באלד ארויף!

וואָלפערט: (נעהמענדיג איהר האנד) און איהר האט מורא, טאָמער וועט זי פערשטעהען, אז איך ליעב אייך?... (פויזע, דאן שטיל) איהר מוזט קומען, איהר הערט? אדיע! (אָב מיט אן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ.)

חוה: (אליין, בעגלייטענדיג איהם מיט די אויגען) ווי ער ליעבט מיך! מיט אזא פייער קענען נור ליעבען אזוינע גרויסע אר־טיסטען ווי ער!... און איך? ליעב איך דען איהם וועניגער?!... (פאלט צו צום טיש) מיין גאָט, וואס וועט יעצט זיין? איך האב שוין קיין כוחות מעהר צו קעמפּפען געגען מיין אייגענעם הארצען! (וויינט. עס דערהערען זיך מאשא'ס טריט. זי שפּרינגט אויף.) מאשא! (ווישט אָב די טרערען.) יעצט מוז מען זיך בעהערשען, זי זאָל ניט בעמערקען!...

(מאשא אויסגעפּוצט, לויפט אריין.)

מאשא: זדראַווסטוואוי, דושענקא! (צוקושען זיך) וואָל־פערט איז דאָ געוועזן? איך האב איהם אין טהיר בעגעגענט, דעם מילאשקא!

חוה: (בעהערשט זיך) ער איז געווען ביי מאַאיסעי'ן.

מאַשאַ: (כיטרע) ביי מאַאיסעי'ן? און אפשר ביי דיר? (ווינקט צו איהר מיט די אויגען און לאַכט.)

חוה: (לאָזט אראָפּ די אויגען. פּויזע) ס'רא מאָדנע דו ביזט, מאַשאַ! אימער דענקסטו, אז...

מאַשאַ: (טהוט זי א כאַפּ) כאַ, כאַ, כאַ! וואס האָסטו זיך פארשעהמט, יעוואָטשקאַ? הלואי וואָלט ער זיך אין מיר פערליעבט! (פערכאַפּט זיך) איך מיין ניט, בעהיטע גאָט, אז איך וואָלט... נו, געווים ניט! איך האב אויך ליעב מיין באָרים'ן! אבער עס איז אזוי אנגענעהם, ווען אזא מילאַשקע, ווי וואָלפערט, טראַכט פון דיר, זיפצט נאָך דיר... ווייסטו? ביי א דוצענד פון אונזערע ווייבער האבען זיך אין איהם פערליעבט... און דאָקטאָר שאַצקין'ס ווייב, רעבעקאַ, האט שוין פון איהם געכאַפּט א פּסק אויך. אוי א פּסק! כאַ, כאַ, כאַ! אזא פינסטערע מפלה, יעוואָטשקאַ! כאַ, כאַ, כאַ! (לאַכט, אונטערטאַנצענדיג מיט די פיס.)

חוה: א פּסק פון איהם? פארוואס?

מאַשאַ: הער נור, יעוואָטשקאַ, וואס די משוגענע קען! זי האט זיך אין איהם אויך פערליעבט, ווי אלע אונזערע זינדיגע ווייבער. שיקט זי איהם לעצטע וואָך אויף דער ביהנע א בוקעט בלומען מיט א צעטעלע, אז זי וויל האבען מיט איהם א ראנדע־וואו... נו, כאַ, כאַ, כאַ!

חוה: (אויפגערעגט) פוי, אין יעדען פערליעבט זי זיך, קיין פונק פון שאַנדע האט זי ניט!...

מאַשאַ: הער נור די פינסטערע מפלה! ער האט איהר צור־ריקגעשיקט דעם בוקעט און אונטען אויף איהר צעטעלע האט ער אָנ־געשריעבען... (פּלאַצט אוים ווידער) כאַ, כאַ, כאַ!

חוה: נו, וואס, וואס? רעד שוין ארוים!

מאַשאַ: „ווערטהע מאדאם," האט ער אָנגעשריעבען, „איהר זייט א בלאָנדינע, און איך ליעב א ברונעטין!..." כאַ, כאַ, כאַ!

חוה: גוט!... (צולאַכט זיך) גוט! אבער פון וואַנען ווייסטו וואס ער האט איהר אָנגעשריעבען?

מאַשאַ: מאדאם זאַלקינד האט עס מיר דערצעהלט אַלס א סוד, אַז איך זאָל עס קיינעם ניט דערצעהלען. און איהר האט דער־

צעהלט מאדאם ביעלקין אויך אלס א סוד... און מאדאם ביעלקין האט דערצעהלט מאדאם גינזבורג אויך אלס א סוד... און מאדאם גינזבורג איז דאך רעבעקא'ס בעסטע פריינדין, האט רעבעקא איהר געגעבען לעזען דאס צעטעלע... דיר, יעוואטשקא, דערצעהל איך עס אויך אלס סוד!... ביטטע, דערצעהל עס דו אויך קיינעם ניט!... און טאמער וועסטו עס יע וועלען דערצעהלען דיינע בעקאנטע, זאלסטו למען השם ניט פערגעסען זיי אנזאגען, אז דאס איז א סוד...

חוה: שעהנע סודות־האלטערינס זייט איהר! (פויזע) מערק־ווירדיג, און ער האט מיר גאר נישט וועגען דעם דערצעהלט!...

מאשא: (טהוט זיך א כאפ) און ער דערצעהלט דיר אלעס, הא, יעוואטשקא?

חוה: (צומישט) ער דערצעהלט מיר?... נו, געוויס! פאר־וואס זאל ער ניט דערצעהלען?... אוי, געה שוין, דו ביזט א מאדנע!..

מאשא: מען רעדט טאקע אין שטאדט, אז יעצט איז ער אין דיר פערליעבט נאך מעהר, ווי פריהער...

חוה: מען רעדט!... ווער רעדט? אייערע ווייבער? זיי האבען צינגער, רעדען זיי! און אפשר דערפאר רעדען זיי, ווייל ער וויל מיט זיי ניט רעדען!... אך, איך וויל מעהר פון דעם ניט הערען! (דריקט פערטראכט דעם שטערען) איך דארף, דוכט זיך, עפעס טהאן? יע, איך וויל געהען שפיעלען מיט שיינדעלע'ן אין מיאטשיק!...

מאשא: וואס ביזטו היינט עפעס אזוי אנגעבלאזען, ווי אן אינדיק?... געהסטו היינט אויפ'ן קאנצערט?

חוה: איך ווייס ניט. און דו געהסט?

מאשא: וועגען דעם בין איך טאקע צו דיר געקומען. מען קען קיין בילעטען ניט קריעגען ביים קאססע פיר היינטיגען אבענד. בין איך געקומען דיך בעטען, דו זאלסט פיר מיר א בילעט קריעגען.

חוה: איך? פארוואס עפעס קען איך יא קריעגען און דו ניט?

מאשא: ווען דו זאלסט נור איין ווארט וואלפערט'ן זאגען.

חוה: אוי, געה שוין, געה!

מאשא: איך בעט דיך, יעוואטשקא, טהו עס פיר מיר. וואל־פערט'ם א קאנצערט אויסצולאזען, איז איינפאך א פערברעכען!

חוה: (טראַכט אַ ווײַלע) ווייסטו וואס? איך האב צוויי בי־לעטען, וועל איך איינעם דיר געבען, אבי לאָז מיך צופריעדען.

מאַשאַ: (מיט פרייד) יע? אוי, איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט פערגעסען! נו, נעהם זיך טאַקי שוין אָנטהאָן, יעוואָטשקאַ! עס איז נור איין שטונדע ביז'ן קאָנצערט.

חוה: איך בין שוין אָנגעטהאָן. בעסער אויספוצען זיך וויל איך ניט, איך דארף קיינעם ניט געפעלען! (געהט צו צום פּיאנאָ און נעהמט ארונטער צוויי בילעטען, גיט איין בילעט מאַשאַ'ן) נאַ דיר אַ בילעט!

מאַשאַ: אוי, לעבען זאָלסטו דערפאר, יעוואָטשקאַ! דערפאר פערדיענסטו ביי מיר אַ קוש עקסטראַ! (קושט איהר מיט אימפּעט) נאַ, מען מוז זיך לויפען אָנטהאָן! זאָל איך פערגעהען נאָך דיר, יעוואָטשקאַ?

חוה: ניין, מיר וועלען זיך זעהען אין טהעאַטער.

מאַשאַ: אדיע! (נעהמט געהען שנעל צום טהיר.)

חוה: מאַשאַ! (יענע בלייבט שטעהען.) נעהם דעם צווייטען בילעט אויך, דו וועסט געהען מיט דיין באָרים'ן!

מאַשאַ: און דו?

חוה: איך וועל היינט אין דער היים בלייבען. צוליעב דעם קאָנצערט פערגעס איך זיך, אז איך האב אַ היים, אַ מאַן און קינד. אזוי דארף ניט זיין, אזוי טאָר ניט זיין! נעהם! (מען קלינגט אין טהיר־גלאָק.)

מאַשאַ: (נעהמענדיג) ווי דו פערשטעהסט! אַ דאנק! אדיע! (אָב רעכטס.)

חוה: (אליין) אזוי איז בעסער! מען מוז זיין שטארק, ניט נאָכגעבען דאס הארץ! אוי, ווען ער וואָלט יעצט אָוועקגעפאהרען! דאַן מיט ניין יאהר צוריק האב איך איהם געקענט פערגעסען, פיעלייכט וואָלט איך יעצט אויך געקענט?! און ווען ניט? און ווען ניט? גאָטוניו, כוחות, כוחות גיעב מיר! (פאַלט צו צום טיש מיט געוויין.)

(פון טהיר רעכטס הערט זיך אברהם'צע שיינקמאַן'ס קול: „דער דאָקטאָר איז ניטאָ? דאַן מאַשאַ'ס ענטפער: „ניין, פּאַפּאַ!")

חוה: (שפרינגט אויף) דער פאפא! (ווישט זיך אפּ שנעל די אויגען.) מסתמא וועגען א נייעם סקאנדאל!... אוי, נאך דאס פעהלט מיר יעצט!

(אברהם'צע שיינקמאן, א דיקער, שווערער איד, מיט א היבשען בייכעל, מיט א לאנגער ברייטער געלער באָרד, רייך אָנגעטהאָן, מיט א צילינדערהוט און מיט א שטאָק, קומט אריין.)

אברהם'צע: (אומקוקענדיג זיך אהינטער אין טהיר) געה ניט אוועק, באָרים! (טהוט זיך א קעהר צו חוה'ן) גוטען אבענד, טאָכטערל!

חוה: גוטען אבענד, פאפא. וואס מאכסטו? זיץ! (רוקט איהם אונטער א קרעסלאָ.)

אברהם'צע: (זעצענדיג זיך) איך מאך, וואס זאל איך מא־כען? אז דער פאני דאָקטאָר דיינער מאכט מיר בזיונות, מאך איך מיט דער נשמה!... (קוקט זי אָן) דו זעהסט אויך אוים, ווי אן אבגעשציפּלעטער ציפּליאָניקעל, מיין טאָכטער! וואס דען, אז מען האט א מאן מיט א צודרעהטען מוח! אוי, אוי, מיר האבעןביידע פיין אויסגעפיהרט. ער איז טאקי ווערטה געווען די 25 טויזענד רובעל נדן, וואס איך האב איהם געגעבען, א גרויסע מציאה האב איך געכאפּט!

חוה: וואס איז שוין דאָרט ווידער?

אברהם'צע: (טהוט זיך א הייב אויפגערעגט) וואס הייסט, וואס איז שוין דאָרט ווידער?! ווייסט גאָר ניט? א טאָכטער, הא? אן אייגענע טאָכטער און אינטערעסירט זיך אפילו ניט, צו מען פער־ווארפט איהר טאטען מיט בלאָטע, צו ניין! און ווער?! איהר איי־גענער מאן, וואס האט געקראָגען 25 טויזענד נדן! ווארט, ווארט, ער וועט עס געדענקען, ווארט! (קלאפּט מיט'ן שטאָק אָן פּאָדלאָגע) ער הערט גאָר ניט אויף צו בעליידיגען מיך אין זיין צייטונג!

חוה: וואס איז געשעהען?

אברהם'צע: וואס איז געשעהען?

(באָרים, מאַשאַ'ס מאַן, א יאהר 40 אַלט, מיט א שוואַרץ בערדעל א לאַ פראַנסע, רייך אָנגעטהאָן, מיט אַ סיגאַר אין מויל, קומט אריין.)

באָרים: זדראַווסטוואויטע, יעווא! (גיט איהר די האַנד.)

אברהם'צע: זי פרעגט, וואס איז געשעהען? מיין אייגענע טאָכטער ווייסט ניט, אַז איהר מאַן האט מיך ווידער בעליידיגט.

באָרים: פע, שאַנדע! איך בין אויך וועגען דעם געקומען צום דאָקטאָר. עס איז איינפאַך א סקאַנדאַל. אייער פּאַפּאַ, יעווא, האט עס ניט פערדיענט!

אברהם'צע: אז ער איז משוגע געוואָרען! וואס קען מען ערוואַרטען פון א משוגענעם?! איז געוואָרען א גאַנצער חבר מיט שניידער און שוסטער און מיט פּראָסטע בעלי עגלות. האַלט פיר זיי רעדעס. גיט פיר זיי ארויס א זשאַרגאָנישע צייטונג, רעדט זיי איין, אז זיי זיינען, כ'וויים? די גרעסטע יחסנים פון דער וועלט, זיי פעהלט נור אן אייגענע מלוכה...

באָרים: זיי פעהלט נור, אז שמערל דער שניידער זאָל א מי־ניסטער ווערען און וועלוועלע קאַניוך זאָל א גובערנאַטאָר ווערען!.. כאַ, כאַ, כאַ! ווירקליך, ער איז משוגע אויף טויט!

חוה: באָרים, איך בעט אייך, אין מיין אַנוועזענהייט זאָלט איהר אַזוי וועגען מיין מאַן ניט רעדען. דערווייל איז מיין מאַן דאָק־טאָר מיימאַנאָוו!

אברהם'צע: זעהסט, האַ, זעהסט? אויף איהר מאַן לאָזט זי אפילו קיין קרום וואָרט ניט זאָגען, און אויף איהר טאַטען, האַ? אויף איהר טאַטען?! אזוי בעדאַנקסטו דיין טאַטען, האַ? פיר די בילדונג, וואס ער האט דיר געגעבען, פיר די 25 טויזענד רובעל נדן, וואס ער האט דיר געגעבען? עס וועט זיין מיאוס, חוה, געדענק! עס וועט דיך שפּעטער פערדריסען. נאָך הונדערט און צוואַנציג יאהר בלייבען ביי מיר ניט קיין זיהן. צוויי טעכטער בלייבען נור ביי מיר. דו האָסט עס געדאַרפט האבען אין זינען!

חוה: אבער וואס ווילסטו פון מיר, פּאַפּאַ?

אברהם'צע: איך וויל, דו זאָלסט מיר אָפּגעבען כבוד ווי דיין טאַטען. איך וויל, אז דיין מאַן זאָל געדענקען, אז איך בין אברהם'צע

שיינקמאן, ניט קיין שניידער און ניט קיין שוסטער. א איד מיט א גרויסען נאָמען אויף דער וועלט, א דאנק גאָט. אז אפילו דער פּאָליצמייסטער און גובערנאַטאָר גיבען מיר אויך אָפּ כבוד. (טהוט א קלאַפּ מיט'ן שטאָק אין פּאָדלאָגע.) און דער שגץ האט נעכטען געשריעבען אין זיין שניידערשער צייטונג, אז איך בין א מיאוס'ער מסור!... שעהן, הא? שעהן? (חוה זיפצט.)

באָרים: דאס איז איינפאך א סקאנדאל!... איך האב א גאנצע נאכט ניט געקענט שלאָפען פון פערדרוס. שטייטש, מיין שווער אזוי בעליידיגען, אברהם'צע שיינקמאן!

אברהם'צע: הערסט? אויך מיינער אן איידעם, להבדיל. און ניט קיין 25 טויזענדיגער, נור א 15 טויזענדיגער, און ער נעהמט זיך אזוי דאס לעבען פיר מיר, אז ער האט נעכטען, ווען ער האט פון דעם דערהערט, געוואָלט לויפען דיין מאן פּאַטשען!

חוה: (מיט שרעק) פּאַטשען מיין מאן? ! וואס רעדט איהר? ! איהר ווילט מיך הפנים אלע משוגע מאכען! (מען קלינגט אין טהירגלאָק. זי לויפט צו צום פענסטער און קוקט ארוים.) מאַאיסעי קומט! (לויפט צו צו באָרים'ן) באָרים, איך בעט אייך, איהר זאָלט קיין סקאנדאל ניט מאכען! איך וועל איהם אליין זאָגען. איך וועל יעצט מיט איהם אליין רעדען! פּאַפּאַ, פארוואס האט ער דיך בעליידיגט?

אברהם'צע: פארוואס? ווייל ער איז משוגע. 50 אידישע ארבייטער האבען אין אונזער פאבריק געמאכט א סטאַטשקע. געהט באָרים און שטעלט אוועק אויף זייערע ערטער 50 גוים, וואס האבען זיך געשטעלט ארבייטען פיר א סך קלענערע שכירות, ווי איך האב די אידען געצאָהלט. מיט א פּאאר טעג צוריק זעה איך מיט אמאָל, ווי מיינע גוים לייענען רויטע אַפּישקעס, האב איך באלד פערשטאַנען, עס איז די מלאכה פון די סטאַטשעטשניקעס, אז יענע שרצים ווילען מיר צובונטעווען די גוים, האב איך זיי גענומען היטען, די שרצים, און באלד טאקי האב איך געכאַפּט זייערע א פּאאר מיט די רויטע אַפּישקעס אין די קעשענעס. האב איך גלייך טעלעפאָנירט צום פּאָליצמייסטער און ער האט מיר באלד געשיקט א פּאאר גאָרדאָוואָיען מיט קאָזאקען און זיי האבען אוועקגעשלעפּט יענע שרצים מיט די רויטע אַפּישקעס אין טורמע אריין און די קאָזאקען האבען זיי פאר־

געבען, אז זיי וועלען האבען צו גע־ענקען. שטייטש ביי מיר סטרייקען?! סטרייקען ביי מיר?: הם!

באָרים: און דערפאר, יעווא, האט אייער מאַן גערופען אין זיין צייטונג אייער פּאַפּאַ'ן מסור, עקספּלואטאטאָר....

חוה: זעהר שעהן, פּאַפּא, איז פון דיר ניט געווען צו טהאָן אַזאַ זאַך! דו, אַזאַ פרומער איד, האָסט געדארפט רחמנות האבען אויף אידען.

אברהם'צע: וואס האט צו טהאָן פרומקייט מיט מסחר? אודאי, אין בית המדרש וואָלט איך די גוים ניט אוועקגעגעבען די איידישע עליות! נו, געה טענה מיט איהר, זי וועט נאָך באַלד זאָגען, אַז דער מאַן איהרער איז גערעכט געווען, וואס ער האט מיך גערופען שענדליכער עקספּלואַטאַטאָר! אוי, וועה איז מיר, פארוואס האב איך דאַן ניט געלאָזען איהר חתונה האבען מיט וואָלפערט'ן!... (זי טהוט זיך א טרייסעל.)

באָרים: אַיאָ, שווער, איך האב עס אייך שוין געזאָגט? וואָלפערט האט יעצט אי א גרויסען נאָמען, אי פערדיענט געלד ווי בלאָטע!

אברהם'צע: ווער האט זיך געקענט אויף דעם ריכטען, אַז ער וועט אַמאָל אויסוואַקסען אַזאַ גדול? אַ קאַטאָוועס, די וועלט קאָכט מיט איהם! מען זאָגט, אַז ער שפּיעלט אפילו פיר'ן קיסר אליין! אוי, אוי, ניט בעשערט צו האבען אַזאַ כבוד!..

חוה: (טהוט זיך פּלוצים אַ כאַפּ היסטעריש) און דו רעדסט נאָך יעצט, האַ? דו?! כבוד ווילט זיך דיר, האַ? און די וועהטאָגען ווער האט? די וועהטאָגען?! אָה, שוויינ! שוויינ! (לויפט ארוים לינקס.)

אברהם'צע: (פערוואונדערט) וואס איז עס? וואס האט זי דאָ געשריען? זי איז אויך משוגע געוואָרען, וואס?!

באָרים: וואס דען? אז זי זאָל ניט שרייען אויף איהר טאַטען, ווער דען וועט שרייען? אייער עלטסטע טאָכטער מאַשאַ, וואס?! איהר זעהט, שווער? אַ שטיקעל אונטערשיעד צווישען איהר און מאַשאַ'ן, האַ? מאַשאַ וואָלט איהר מאַן די אויגען אויסגעריסען, ווען ער זאָל אייך אויף א האאר פּגוע בכבוד זיין, און זי שרייט אויף אייך!..

אברהם'צע: יע, יע, נחת האב איך פון איהר, יע! אוי, אוי,

האט דער דאָקטאָר זי איבערגעפיהרט! אמאָל איז זי געווען א סך א בעסער קינד פון מאשא'ן! (זיפצט.)

(דאָקטאָר מיימאנאָוו קומט אריין. דערזעהט זיי, טהוט ער איראָניש א שמייכעל.)

מיימאנאָוו: געסט? גאָר אונערוואַרטעט!

אברהם'צע: (שרייט מיט כעס) מיר זיינען געקומען דיך אָנקוקען!

מיימאנאָוו: (געלאַסען) זעהר אנגענעהם. איהר דאַרפט אבער אזוי ניט שרייען, שווער, איך בין ניט טויב. ביטעט, זעצט זיך בעסער ביים טיש...

אברהם'צע: און דו וועסט אונז מכבד זיין, הא? מיט וואס? מיט אן עקספּלואטאציע, הא?

מיימאנאָוו: ווי מען פערדיענט, אזוי איז מען מכבד!

אברהם'צע: וואס האָסטו צו מיר, גזלן? פאַרוואס מאכסטו מיין נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד?

מיימאנאָוו: פאַרוואס מאכט איהר דעם אידישען נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד?

אברהם'צע: הערסט, הערסט, באָרים, וואס ער זאָגט? איך מאך שוין דעם אידישען נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד, און וואס איך בין א גבאי אין אידישען לחם אביונים — דאס איז בלאָטע. וואס איך בין דער קאַזנאַטשעי פון דער חברה גמילת חסדים — דאס איז בלאָטע. און וואס איך האַלט אויף דעם אַלטען בית מדרש — דאס איז בלאָטע. נו, וואס זאָגט מען צו איהם, באָרים, הא?

באָרים: איך האב שוין מיינס אָפּגעזאָגט.

מיימאנאָוו: און איך האב נאָך מיינס אין גאַנצען ניט אָפּגע־זאָגט. ווען איהר וועט ווידער געהען צום גובערנאַטאָר מסר'ן אונ־זער אידישע יוגענד, וועל איך ווידער זאָגען. ווען איהר וועט ניט צוריקנעהמען די 50 אידישע ארבייטער, וואס שטאַרבען מיט זייערע פאַמיליעס פון הונגער, וועל איך ווייטער זאָגען. ווען איהר וועט ניט בעפרייען די עטליכע אידישע ארבייטער, וואס איהר האט איבער־געגעבען די ווילדע קאָזאַקען אין די הענד, וועל איך ווייטער זאָגען, זאָגען און זאָגען!...

באָרים: דודקי, בראַט! איהר קענט שרייבען אין אייער ציי־

טונג וואס איהר ווילט, און מיר וועלען די אידישע ארבייטער ניט צו־ריקנעהמען. עס איז אונז אַן אונטערשיעד אין דריי הונדערט רובעל א וואָך. א בעלן אויף אונזער קעשענע! קומט, שווער!

מיימאנאָוו: (טהוט אויף איהם ביסטרע א קוק, בעהערשט זיך אבער.) דער שווער האט גענוג געלד!

אברהם׳צע: גזלן, פיר וועמען האב איך דאס געלד? אין קבר וועט מען מיר זיי מיטגעבען, וואס?

מיימאנאָוו: איך וויל דאס טאקי ביי אייך פרעגען, שווער? אין קבר וועט איהר מיטנעהמען דאס געלד, וואס? היינט, וואס דארפט איהר, מען זאָל אויף אייך זאָגען, אז איהר זייט א רויבער?!...

אברהם׳צע: ווער זאָגט עס, אז איך בין א רויבער? די שניידער, די שוסטערס? דיינע בעלי עגלות, די נייע יחסנים, וואס ווילען פערכאַפּען דעם מזרח, זיי זאָגען עס, הא? גוואלד, וואס פון דיר איז געוואָרען! קום צו זיך! בעזין זיך, דו ביזט דאָך דאָקטאָר מיימאנאָוו! פריהער האָסטו דאָך געהאט אזא כבוד, ביזט געווען דעם גובערנאטאָר׳ס חבר און יעצט זיינען שוסטער און שניידער דיינע חברים — און דער גובערנאטאָר זאָגט שוין, אז דו ביזט אויך א רע־וואָלוציאָנערטציק!

באָרים: אמת, אמת, דאס וואס ער איז! דער פּאָליצמייסטער האט עס מיר אויך געזאָגט! קומט, שווער!

מיימאנאָוו: איהר קענט געהען, באָרים, דער שווער וועט שוין אָהן אייך טרעפען דעם וועג!

אברהם׳צע: ווייסטו, וואס? אז דו ווילסט זיך שוין אָפּגע־בען מיט דיינע זאכען, מיט א אידישער מלוכה, פיהר זיך אויף אָט ווי הערצעל, אונז צו לאַנגע יאהר, האט זיך אויפגעפיהרט. גיעב ניט ארויס קיין זשארגאָנישע צייטונג, פיהר זיך ניט ארום מיט די שניידער און שוסטער, פאָהר צו מיניסטערס, צו קיסרים, פאָהר צום סולטאן. איך וועל דיך שטיטצען מיט געלד. אי כבוד וועסטו דאָז האבען ווי הערצעל, אי מעדאַלען פון א פּאאר קיסרים. אזא דאָקטאָר, ווי דו ביזט, וואָלט נאָך לייכטער געקענט צוקומען צום סולטאן, ווי דאָקטאָר הערצעל...

מיימאנאָוו: כא, כא, כא!.. פּאָרט א סוחר׳שער קאָפּ, כא, כא, כא!....

באָרים: שווער, ער לאַכט פון אייך! קומט! זאָל ער שריי־בען אין זיין שניידערשער, שמוציגער צייטונג! מיר וועלען זי איהם שוין צומאַכען, נישקשה!

מיימאָנאָוו: (פּלוצים אויפברויזענד) פּאַשאָל וואָן אָטסיודאַ!.. (לויפט צו צום טהיר רעכטס און ווייזט אָן אויף איהר מיט דער האַנד, קוקענדיג מיט בליסטשענדע אויגען אויף באָרים׳ן.) נו, גלייך ארויס!

(חוה לויפט אריין פון לינקס אַ צושראָקענע און בלייבט שטעהען.)

באָרים: יעווא, דיין מאַן טרייבט דיין טאַטען פון הויז!

חוה: (פערברעכט די הענד) מאַאיסעי!

מיימאנאָוו: זאָג דיין שוואָגער, אז ער זאָל מיט זיין אטהעם ניט בעשמוצען די ריינע לופט אין דאָקטאָר מיימאנאָוו׳ס הויז!... (געהט צו צום טהיר לינקס, טהוט אַ קלאַפּ מיט איהר הינטער זיך און אַב.)

באָרים: קומט, שווער!

אברהם׳צע: נו, הא? נו? קיין צובראָכענעם גראָשען וועט ער ביי מיר ניט קריעגען נאָך הונדערט און צוואַנציג יאהר!... (קלאַפּט מיט׳ן שטאָק אָן פּאָדלאָגע און אָב.)

חוה: (אליין) אוי, איך וועל משוגע ווערען!

(צפּורה אריין מיט אַ בריעף.)

צפּורה: פיר אייך אַ בריעף, מאדאם. אַ מאַן האט געבראַכט און וואַרט אויף אַן ענטפער...

חוה: (טהוט אַ קוק אויפ׳ן בריעף. שטיל.) פון וואָלפערט׳ן!.. (עפענט איהם מיט ציטערענדע הענד און לעזט אויפגערעגט.) „דער טהעאַטער איז געפּאַקט, דער גובערנאַטאָר איז אויך אין לאָזשע, איך וועל אבער ניט שפּיעלען, אויב איהר וועט ניט זיין...״ (דריקט צוזא־מען דעם בריעף און שאַרף) זאָגט דעם מאַן, צפּורה, אז קיין ענטפער איז ניטאָ!

(ישראל׳קע קומט אריין פון טהיר לינקס.)

צפורה: גוט! (אָב רעכטס.)

ישראל: פון וועמען איז דער בריעף, חוה'לע?

חוה: (אויפגערעגט) לאָזט מיך יעצט, שווער, לאָזט מיך צו־פריעדען!...

ישראל: זעה נור, זעה, ווי דער קאַלטען האט זיך עס ביי זיי ביידען פערדרעהט, אי ביי איהם, אי ביי איהר! וואס איז דאָ מיט אמאָל פיר אַן אנשיקעניעש? האָסטו געהערט? איך וועל אריעבער געהען אין טאַבאַק־קראָם קויפען א פעקעל טאַבאַק פאר מיין פיפקע... אפשר דארף מען אויסרויכערען דאס הויז, וועל איך קויפען א פעק־קעל קריעפּקע!... (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אָב.)

חוה: אוי, איך וועל משוגע ווערען!.. ווי ער ליעבט מיך און ווי איך ליעב איהם... איך האב מורא פיר זיך אַליין, איך האב מורא! (זעצט זיך ביים טיש, קוקט וויעדער אויפ'ן בריעף און צורייסט איהם.)

(מיימאנאָוו קומט אריין פון לינקס.)

מיימאנאָוו: (קוקט זי אָן א ווייל, דאַן געהט ער צו צו איהר) ביזט אויף מיר בייז, חוה'לע? (גלעט איהר די האאר.)

חוה: (שטעהט אויף און טרעט אָפּ פון איהם) און דו קי־מערסט זיך פיעל, אויב איך בין בייז צו ניט?

מיימאנאָוו: (מיט א שמייכעל) ווען עס וואָלט מיך ניט גע־קימערט, וואָלט איך ניט געפרעגט. דאס ווייסטו אליין, חוה'לע!

חוה: געוויס ווייס איך, אז דיין ווייב קימערט דיך ניט, עס קימערען דיך נור די אסיפות און די חלומות דיינע!

מיימאנאָוו: (פערוואונדערט) וואס?! (טרעט אָפּ איבער־ראשט עטליכע טריט צוריק.) דו רעדסט עס, דו?! (צולאַכט זיך.) חוה'לע, דו מוזט שפּאַסען! אסיפות, חלומות... כאַ, כאַ, כאַ! דאס איז דיין טאַטענס ניגון, חוה'לע, ניט דיינער! דו דארפסט נאָך צו־לייגען: „די שניידערוקעס, די שוסטערס," דאַן וועלען אי דער טעקסט, אי דער מאָטיוו זיין אין גאַנצען דיין טאַטענס!...

חוה: (אויפברויזענד) א י ך זאָג עס, א י ך, ניט מיין פּאַ־פּאַ! געגוג! עס מוז אַן ענדע נעהמען! עס איז שוין איבער מיינע כוחות!

מיימאנאָוו: (קוקענדיג אויף איהר, נאָך א קליין פויזע) רעג זיך נור ניט אויף, חוה׳לע, דען איך אליין בין יעצט אויך עטוואס אויפגערעגט. (מיט א שמייכעל) און ווען צוויי אויפגערעגטע גייסטער שטויסען זיך צוזאמען, קען נאָך, חלילה, אַן עקספּלאָזיאָן ארויס־קומען!

חוה: זאָל די עקספּלאָזיאָן קומען! פריהער אָדער שפּעטער מוז זי קומען! מאַאיסעי, דו האָסט פערגעסען, אז דו האָסט א ווייב. איך, מאַאיסעי, איך... (פערצווייפעלט) קען נאָך אויך פערגעסען, אַז איך האב א מאַן!

מיימאנאָוו: מיר שיינט, אַז דו האָסט שוין פערגעסען, אַז מיימאנאָוו איז דיין מאַן!

חוה: מאַאיסעי, איך אליין בין אבער ניט דאָקטאָר מיימאָ־נאָוו! פערשטעה מיך, מאַאיסעי! איך בין דאָך ניט מעהר ווי זיין פרוי, א שוואכע פרוי, מאַאיסעי!...

מיימאנאָוו: ביז היינט ביזטו דאָך צופריעדען געווען צו זיין ניט מעהר ווי דאָקטאָר מיימאנאָוו׳ס פרוי?

חוה: איך האב געדענקט, אַז איך קען זיין צופריעדען. העער אויס, מאַאיסעי! (קעמפּפט מיט זיך און אטהעמט שווער.) דו קענסט גליקליך זיין מיט דיינע אידעאַלען, איך קען ניט... דו ווילסט לעבען פיר דעם גליק פון דיין פאָלק, און איך וויל לעבען פיר מיין אייגענעם, פּערזענליכען גליק! דו ביזט א גרויסער, א שטאַרקער, אַן אונגעוועהנליכער מאַן, און איך בין א קלייניגקע, שוואכע, געוועהנ־ליכע פרוי!... איך וויל לעבען, איך וויל אליין גליקליך זיין! דו האָסט קיין רעכט ניט אויפצואָפּפערען מיין פּערזענליכען גליק פיר די צוקונפט פון דיין פאָלק! (לויפט צו צום פענסטער און דריקט דעם פנים אין די שויבען.)

מיימאנאָוו: (קוקט מיט גרויסע אויגען אויף זיין פרוי, דריקט מיט די אַקסלען און מורמעלט.) וואס איז עס? וואס איז עס? איך פערשטעה ניט! איך גלויב ניט מיינע אייגענע אויערען. מיין חוה׳לע רעדט עס?!... (ווייך) חוה׳לע, איך קען ניט גלויבען... ווער האט דיך פלוצים אזוי קלוג און פּראַקטיש געמאַכט? דיין טאַטע? באָרים? צו גאָר דיין שוועסטער מאַשאַ? זיי האבען עס דיר די אוי־גען געעפענט, זיי, הא, חוה׳לע?

חוה: (טהוט זיך א קעהר צו איהם.) מיין האַרץ, מאַאיסעי, האט מיר די אויגען געעפענט, מיין צוואוואונדעט האַרץ!... דו האָסט קיין רעכט ניט אויפצואָפּפּערען מיין פּערזענליכען גליק פיר דיינע אידעאַלען, דו האָסט קיין רעכט ניט! (טהוט זיך א וואַרף צו איהם אויפגערעגט, מיט נערוועזיטעט אין שטימע) דו זאָגסט, אז דו ליעבסט מיך? דאַן... דאַן הער אויף צו געהען אויף דיינע אסיפות, פאַנג אָן ווידער צו לעבען מיט מיר, ווי מיט דריי יאָהר צוריק... קום מיט מיר אין געזעלשאַפט... לעש אוים דעם פייער, וואס ברענט ביי מיר אין האַרצען! לעש אוים דעם פייער, מאַאיסעי!...

מיימאָנאָוו: (ערשטוינט) וואס רעדסטו פון פייער? דער טאַטע האט זי פריהער אָנגעלערענט! זיינע ווערטער! (ביטער) כאַ, כאַ! די אסיפות זאָל איך וואַרפען, צום גובערנאַטאָר זאָל איך געהען, ווי מיט דריי יאהר צוריק! זיינע ווערטער! זיינע ווערטער! אַלזאָ הער אוים: געה זאָג דיין טאַטען, אז דאָקטאָר מיימאָנאָוו וועט קיינמאָל צוליעב דעם קלענליכען כבוד פון אברהם'צע שענקמאַן ניט אויפאָפּפּערען זיין מענשליכע און זיין אידישע ווירדע. צום גובערנאַטאָר, צום שונא ישראל, וועט ער זיך ניט געהען בוקען און בייגען, ווי דאס טהוען אברהם'צע שיינקמאַן און זיין איידעם באַרים. די האַנד, וואס קען מאָרגען פערגיעסען אידישע בלוט, וועט דאָקטאָר מיימאָנאָוו היינט ניט דריקען... און צוליעב א קאַפּריז פון זיין פרוי וועט ער די אסיפות אויך ניט אויפגעבען, דען דאס גליק פון זיין פאָלק שטעהט ביי דאָקטאָר מיימאָנאָוו העכער פון אלעם און אלע־מען... זאָג עס דיין טאַטען!... (א געטומעל הינטערן טהיר.)

(צפורה און ישראל'קע מיט א צובלוטיגטען שטערען.)

צפורה: (צושראָקען) מען האט אייער טאַטען, נעבאַך, צור־הרג'עט...

מיימאָנאָוו: (וואַרפט זיך צו איהם) וואס איז עם? (חוה געהט אויך צו צו ישראל'קען, קוקענדיג אויף איהם פערשטערט.)

ישראל: (אויפגערעגט און בלייך) אוי, משה'ניו, זיי האבען מיך שיער ניט דער'הרג'עט... לעבען זעליג'ס טאבאק־קראָם זיינען אויף מיר ארויפגעפאַלען עטליכע גוים און האבען מיך גענומען שלאָ־גען מיט די הענד און מיט די פים, אין קאָפּ און אין די זייטען... אוי,

פארוואס, משה'ניו? עד מתי? ווען וועט שוין זיין א סוף צו אזא גלות!

מיימאנאָוו: (נעהמט ארונטער פון איהם דאס היטעל און בע־טראכט די וואונד) א וואונד פון א שטיין... אך!...

חוה: פארוואס האבען זיי איך געשלאָגען, שווער?

מיימאנאָוו: (אויפגערעגט) פארוואס?! (סארקאסטיש) ער געהט ניט גוט יום טוב ביטען צום גובערנאטאָר, ער געהערט ניט צו דער שעהנער געזעלשאפט! קום, טאטוניו, איך וועל דיר עפעס צו־לייגען... (אָב רעכטס מיט איהם.)

צפורה: עס איז גאָר א סכנה איצט צו געהען אין גאס: די גוים האבען זיך צוויושעט, שרייען, אז די אידען ווילען מאכען זייערען א קיסר אין ראָסיי... איך האב מורא, אז ניט אומזיסט ריכט מען זיך ביי אונז אויף א פאָגראָם. (מען קלינגט) ווער קלינגט שוין דאָרט ווידער? (לויפט ארויס רעכטס.)

חוה: (אליין, צוטראָגען, מורמעלט — פערשטערט) ער איז נאָך בייז אויף מיר! איך מוז איהם די אויגען עפענען... איך האב שוין קיינע קרעפטען צו שטרייטען מיט זיך אליין...

(צפורה מיט א בריעף.)

צפורה: דער זעלביגער מאַן האט א צווייטען בריעף געבראכט און ווארט אויף אַן ענטפער.

חוה: (כאפט דעם בריעף) ווידער פון איהם! (טראכט) זאָגט איהם, ער זאָל ווארטען! (צפורה אָב. חוה עפענט מיט ציטערענדיגע הענד דעם בריעף און לעזט:) „איהר מוזט קומען, זאָנסט בין איך ניט אימשטאנד צו שפיעלען. איך וויל היינט שפיעלען פאר איך און נור פאר איך." (ברעכט זיך אונטער פערצווייפעלט) אוי, וואס וויל ער פון מיר?! עס קען ניט זיין! איך טאָר ניט געהען, איך טאָר ניט! איך דארף איהם ניט זעהען! (לויפט צו צום טיש נערוועז און שרייבט אַן אויפ'ן צווייטען זייט פון וואָלפערט'ס בריעף) „הערר וואָלפערט, פערגעסט מיך!" (שטעלט זיך אפ, דריקט זיך ביים ברוסט און שרייבט דאַן ווייטער:) „איך ליעב איך ניט!" (דריקט זיך דעם קאָפּ) איך וועל משוגע ווערען! (טהוט זיך דאַן א כאפ פון אָרט) עס מוז אבער זיין אזוי, עס מוז!... (לעגט אריין דעם בריעף אין א קאָנווערט און לויפט צו צום טהיר רעכטס) צפורה, אָט

איז דער ענטפער! (פערשווינדעט אין טהיר און קעהרט זיך באלד צוריק, שוידערענדיג מיט'ן גאנצען קערפער.)

(מיימאנאָוו אריין צוטראָגען. זי ניט בעמערקענדיג איהם זעצט זיך ביים טיש און שפּארט אָן אָן איהם דעם שטערען.)

מיימאנאָוו: (שטעלט זיך אָפּ, קוקט אויף איהר. דאן גנב'עט ער זיך צו צו איהר מיט א גוטמיטהיגען שמייכעל אויפ'ן פנים, בייגט זיך צו צו איהר און טהוט זי א קוש אויף די האאר. ווייך און מיט א לייכטען פאָרוואורף:) אַך, דו נאריש, נאריש קינד!...

חוה: (טהוט זיך א כאפּ און קוקט איהם אָן מיט צומישטע אויגען און אטהעמט שווער.)

מיימאנאָוו: זעה נור, דו האָסט זיך גאָר דערשראָקען פאר מיר? אוי, דו, דו!... (וויל זי ווידער א קוש טהאָן.)

חוה: (שפּרינגט אויף) לאָז! קוש מיך ניט!... (טרעט אָפּ פון איהם.)

מיימאנאָוו: כא, כא, כא! ביזט טאקי בייז? און אלץ דערפאר, ווייל דו ווילסט, אז איך זאָל אויפגעבען מיינע אסיפות און לעבען ווי אמאָל? איך דערקען דיך ניט, חוה'לע!... איצט, ווען דער שרעקליכער, בלוטיגער געשפּענסט פון פּאָגראָמען שוועבט איבער דעם אידען'ס קאָפּ, זאָל איך... חוה'לע, וואס איז פון דיר מיט אמאָל געוואָרען, איך דערקען דיך ניט! איך האב געדענקט, אז דו פיהלסט און טראכסט דאס זעלבע וואס איך...

חוה: (קוקט איהם אָן מיט פערצווייפלונג אין די אויגען און רעדט ארויס מיט מיה:) מאָאיסעי, איך פיהל ניט וואס דו. מאָאיסעי, איך טראכט ניט וואס דו... איך האב מיין קאָפּ, מיין „איך," מיין הארץ, מיין שוואך הארץ, מאָאיסעי! (פאנגט אָן ליידענשאפטליך צו שלוכצען און לויפט ארויס פון צימער.)

מיימאנאָוו: (קוקט איהר נאָך און דריקט פערוואונדערט מיט די אקסלען.)

(פאָרהאנג פאלט לאנגזאם.)

דריטער אקט

(עס האנדעלט דעם 18טען אָקטאָבער אין דער פּריה. דאָק־
טאָר מיימאָנאָוו'ס שפּייז זאַל. ביים טיש זיצען: מייר־
מאַנאָוו, חוה, ישראל'קע, וואָלפערט און שיינדעלע,
זיי האבען נור וואס אָפּגעגעסען מיטאָג.)

ישראל: משה'ניו, הייסט עס, מיר האבען פאָרט דערלעבט א מאַניפעסט... אפשר וועלען מיר איצט טאַקי הערען ישועות אויף אידען?

מיימאנאָוו: יאָ, טאַטוניו, עס איז טאַקי אמת: א וועקסעל האט די רוסישע רעגיערונג נעכטען דעם 17טען אָקטאָבער ארויסגע־געבען דעם רוסישען פאָלק אויף אביסעלע פרייהייט; עס איז נור א פראגע אויב די רוסישע רעגיערונג וועט וועלען איינצאָהלען פאר דעם וועקסעל... איך אליין ערוואַרט זעהר וועניג פון דעם נעכטיגען וועק־סעל, איבערהויפּט פאר אידען....

וואָלפערט: וואס פאר א פעסימיסט איהר זייט, דאָקטאָר! היינט ווען גאַנץ רוסלאַנד פרעהט זיך מיט דעם מאַניפעסט, דריקט איהר אוים אזוינע געדאַנקען!

מיימאנאָוו: הערר וואָלפערט, דאס איז די וואהרהייט!

וואָלפערט: פּיעלייכט אייער פּערזענליכע וואהרהייט...

מיימאנאָוו: מיין וואהרהייט און מיין איבערצייגונג! און דיעזע וואהרהייט מוז מען יעצט רעדען צו די אידען נאָך אָפטער און שטאַרקער, ווי פריהער, ווייל די אידען גלויבען שוין, אז נאָך דעם נעכ־טיגען מאַניפעסט איז שוין די אידישע פראגע אין רוסלאַנד געלעזט, און דאס איז פאַלש!

וואָלפערט: זעהר וועניג, הערר דאָקטאָר, וועלען זיך צוהערען

צו אייער מיינונג. איהר האט געדאַרפט זעהען, וואס עס טהוט זיך אויף די גאַסען: אי אידען, אי קריסטען טאַנצען פון פרייד מיט דעם נעכטיגען מאַניפעסט.

ישראל: דאס איז אמת, משה'ניו. אין דער פריה, ווען איך בין געגאַנגען פון בית המדרש, האב איך געזעהען, ווי אידישע בחורים האבען זיך געקושט מיט די גוי'עשע שקצים, ווי ברידער, להבדיל....

מיימאנאָוו: און איך האב היינט געקראָגען א ברידערליכען בריעף פון א קריסט. (נעהמט ארויס א בריעף פון אונטער בוזים.) ווילט איהר הערען? זעהר אָן אינטערעסאַנטער בריעף, פול ליעבע און צערטליכקייט צו אונזער פאָלק... (לעזט) „צום זשידאָווסקען דאָקטאָר מאָשקאָ מיימאנאָוו:

זעהר געעהרטער זשיד!

אזוי ווי אייער זשידאָווסקאַיאַ פּאַראָדאַ האט זיך צור-יושעט און וויל ווערען בעלי בתים איבער דעם פּראַוואָ-סלאָוונעם הייליגען רוסלאַנד, וויל פערכאַפּען די העכסטע ראַנגען אין אונזער אַרמיע, וויל האבען איהרע גובערנאַטאָ-רען און זאָגאַר איהר קיסר, וואס זאָלען רעגיערען איבער דעם פּראַוואָסלאָוונעם רוסישען פאָלק, וואַרנען מיר אייך, אַז מיר וועלען אויסקוילען אייער גאַנצע זשידאָווסקאַיאַ פּאַראָדאַ, מיט אייערע בונטאָוושציקעס, די פרעכע רעוואָ-לוציאָנערען צוזאַמען... דערצעהלט עס, מאָשקאָ, אייערע זשידקעס. דערצעהלט זיי, אַז אין קישענעוו האט מען זיך וועניג מיט זיי גערעכענט, אַז ריכטיג רעכענען זיך מיט זיי וועלען מיר ערשט יעצט..."

א פּראַוואָסלאָוונער פון רוסישען ליעג."

(לעגט צונויף דעם בריעף) נו, וואס וועט איהר עפּעס זאָגען צו דעם בריעף. אין איהם איז אויך אויסגעדריקט ברענענדיגע ברידערליכע ליעבע צום אידישען פאָלק; עס איז אויך א וועקסעל פיר דעם אידען. עס איז נור א פראגע, וועלכער וועקסעל איז מעהר בעגלויבט: צו דער נעכטיגער פון דער רעגיערונג, אָדער דיעזער פון כוליגאַן?..

וואָלפערט: איך וואָלט קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט דעם בריעף, וואס א כוליגאַן האט אריינגעשיקט. איך פערזיכער אייך, דאָקטאָר, אַז קיין פּאָגראָמען וועלען שוין מעהר ניט זיין.

(פון דרויסען דערהערט זיך א זינגען פון פיעל שטימען די רו־סישע מארסעליעזא: „אַטריעצאַמסיא אַט סטאַראַוואַ מירא!"
מיימאנאָוו, וואָלפערט, חוה, שיינדעלע און ישראלק'ל וואר־פען זיך אַלע צו די פענסטער.)

מיימאנאָוו: א דעמאָנסטראַציע פון די רוסישע רעוואָלוציאָ־נערען!

חוה: יעצט זיינען אַלע רעוואָלוציאָנערען!

ישראל: זעה, זעה, זיי טראָגען די רויטע פאָהן און די קאָזאַ־קען טשעפען זיי ניט. (מיט התפעלות) אוי, וואס מיר האבען דער־לעבט! האָסטו געהערט? (קראַצט זיך אונטער'ן קאָלנער פון התפעלות) זעהט, זעהט דאָרט די קליינע ווידליקעס מיט די רויטע סטענגעס... אוי, אוי, ס'רא ציפּליאַטקעלאַך! געהען מיט די גרויסע און האבען גאָר ניט מורא פיר די קאָזאַקען!... האָסטו געהערט?

שיינדעלע: איך וועל געהען קוקען אויפ'ן גאַס!... (לויפט ארוים לינקס.)

מיימאנאָוו: יענע קליינע קינדערלאַך זיינען אידישע אינג־לאַך פון „קליינעם בונד!" ווי שטאָלץ זיי טרעטען, גאָר ניט, ווי קינדער! אַך, וואס פאר א שעהנע, יונגע, גלייכע בוימעלאַך האבען יעצט אָנגעפאנגען ארויסצוּוואקסען פון דעם אַלטען, מעבטיגען און אונשטערבליכען בוים, ישראלק!.. זיי וועלען אבער פערוועלקט ווע־רען אונטער דעם בלוטיגען הימעל, אויף דער דאָרנדיגער ערד פון גלות!.. זיי מוזען איבערגעפלאַנצט ווערען אויף אַן אייגענעם לאַנד, אונטער אַן אייגענעם, שעהנעם, בלויען, קלאָרען הימעל, דאַן ערשט וועלען זיי הערליך בליהען און די בעסטע פּרות וועלען דאַן אויף זיי וואקסען! (געשרייען: דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע! אורא! אורא־א־א!..)

ישראל: (עפענט מיט בעגייסטערונג די פענסטער און שרייט אויך:) הוררא! הוררא!

מיימאנאָוו: כא, כא, כא! דער טאַטע איז אויך געוואָרען א רעוואָלוציאָנער! (די געשרייען „הוררא" שטארבען אָפּ אין דער ווייטקייט.)

ישראל: (מיט בעגייסטערונג) אוי, משה'ניו, אז איך וואָלט

איצט געווען א יונגערמאַן, האָסטו געהערט? פינף רויטע פאַהנעס מיט אמאָל וואָלט איך געטראָגען און איך וואָלט אזוי געשריען הורראַ, אז דער הימעל וואָלט זיך געשפּאָלטען: אוי, האָסטו געהערט?

חוה: פון וואס זייט איהר אזוי בעגייסטערט, שוועֿר?

מיימאנאָוו: דער טאַטע איז בעגייסטערט פון דער בעגייסטערונג פון יענע... ער איז א קינסטלער און דעם קינסטלער׳ס נשמה קען מען פערגלייכען צו א ריין קלאָר טייכעלע: זון און וואָלקען שפּיעגלען זיך אין איהר גלייך אָפּ... ניט אמת, טאַטוניו?

ישראל: איך פערשטעה ניט קלאָר, וואס דו מיינסט, זוהנוניו! נור איך ווייס איין זאַך, אז ווען דער נאראָד פרעהט זיך, טראָגט רויטע פאַהנעס און די קאָזאַקען קוקען אויף דעם רוהיג און זיינען ניט מכבד דעם נאראָד מיט זייערע קאַנטשיקעס, איז א סימן, אז עס קומען ישועות אויף אידען און מען מעג שרייען הורראַ!...

וואָלפערט: (טהוט א קוק אויפ׳ן זייגער) שוין נאָך איינס... (קוקט אויף חוה׳ן) שוין באַלד צייט צו פאהרען אין טהעאַטער...

חוה: איך געה זיך אָנטהאָן... (אָב אין דער מיטעלסטער טהיר.)

ישראל: און איך וועל געהען פעררויכערען מיין פּיפּקע!... (אָב לינקס.)

מיימאנאָוו: איהר געהט שוין אין טהעאַטער, הערר וואָלפערט?

וואָלפערט: יא. איהר ווייסט, דאָקטאָר, היינט בייטאָג גיעב איך מיין לעצטען קאָנצערט ביי אייך אין שטאדט!..

מיימאנאָוו: דעם לעצטען קאָנצערט? פאַרוואס?

וואָלפערט: (אויפגערעגט) איך מוז פערלאָזען אייער שטאדט.

מיימאנאָוו: פאַרוואס עפּעס אזוי פּלוצים? אייערע קאָנצערטען האבען דאָך דאָ אזא ערפאָלג!

וואָלפערט: מיינע קאָנצערטען האבען איבעראַל אַן ערפאָלג, אבער....

מיימאנאָוו: אבער וואס?

וואָלפערט: גאָר נישט, מען דאַרף פאהרען און פאַרטיג! (פּויזע) זייט איהר היינט אויך איינגעלאַדען צו רעדען אין טהעאַטער צווישען די אַנטראַקטען?

מיימאנאָוו: יא, איך בין איינגעלאדען, איך וועל אבער ניט קענען זיין דאָרט, ווייל איך האב פערשפּראָכען צו רעדען היינט אין גרויסען בית מדרש... גוט, וואס איהר האט מיך דערמאָהנט! מען דארף געהען טעלעפאָנירען דעם גבאי, ווען איך וועל קענען קומען אין בית מדרש רעדען. ענטשולדיגט, איך קום גלייך צוריק! (אָב אין מיטעלסטער טהיר.)

וואָלפּערט: (אליין) עך, טייפעל, אַט דאס הייסט א בייזע בעגעגעניש אין לעבען! מיט ניין יאהר צוריק זי געליעבט און געצוואונגען געוועזען צו פערלאָזען זי מיט א צוריסענעם הארצען און יעצט ווידער! וואס טהוט מען? (געהט ארום אויפגערעגט איבער'ן צימער.) זי ליעבט דאָך מיך. איך בין איבערצייגט אין דעם. און דאָך האט זי מיך געצוואונגען, איך זאָל איהר א וואָרט געבען, צו פערלאָזען היינט די שטאדט.

(חוה, אויסגעפּוצט פון מיטעל־טהיר.)

חוה: נו, איך בין שוין פארטיג. אבער, מאָנסיע וואָלפּערט, געדענקט, אַז איהר האַט מיר פערשפּראָכען, צו פערלאָזען היינט די שטאדט. ווילט איהר זיך יעצט זעגענען מיט מיין מאַן?

וואָלפּערט: איך וועל זיך שפּעטער זעגענען מיט אייך, יעווא אבראַמאָווגאַ!

(ישראל מיט דער פּיפּקע אין מויל פון לינקס.)

ישראל: (פרעהליך) מאָשיע וואָלפּערט, מיר איז היינט אויפ'ן הארצען אזוי שמחת תורה'דיג, אז אפילו אייך האב איך אויך האָלד! וואס דארפען מיר זיך קריעגען? מיר זיינען דאָך עפּעס אייגענע מענשען, ביידע גרויסע קענער, איך אויף מיין כלי און איהר אויף אייער כלי. (רוקט איהם אריין די האנד.) טאָ זאָלען מיר זיין גוטע פריינד!

וואָלפּערט: (אויפגערעגט) מאָנסיע ר' ישראל, רוקט מיר ניט אייער האנד. און וואס פיר אַן אייגענע מענשען זיינען מיר מיט אייך? (קעהרט זיך פון איהם אָפּ.)

ישראל: (מיט אַן אויסגעשטרעקטער האנד) האָסטו גע־הערט? איך שטעהט נאָך ניט אַן? וואס זאָגט מען צו אזא פּינ־

סטערען גלות: א כלי זמר שטעהט ניט אָן! (שטעלט זיך צו איהם מיט'ן רוקען.) אוי, מאָשיע חזיר!

(מיימאנאָוו אריין פון דער מיטעלסטער טהיר.)

מיימאנאָוו: איהר געהט שוין?

חוה: יא, מיר געהען...

ישראל: עס וואָלט אסור געווען אן עולה, אז דו, חוה'לע, וואָלסט בעסער געגאנגען אין אלטען בית מדרש הערען, ווי דיין מאן וועט רעדען, איידער צו געהען אין טהעאטער הערען א כלי זמר.

מיימאנאָוו: (לאכט) וואס איז געשעהען? די קינסטלער האבען זיך שוין ווידער צודראפּעט?

וואָלפערט: (אויפגערעגט) הערר דאָקטאָר, מאכט זיך ניט לעכערליך, פערגלייכט מיך ניט צו אייער פאטער!

מיימאנאָוו: (קוקט איהם אָן מיט גרויסע אויגען, דאן טהוט ער א שמייכעל.) ענטשולדיגט, הערר וואָלפערט, איהר האט מיך ניט פערשטאנען, דערפאר דאכט זיך אייך, אז איך בין אזוי לעכערליך. איך פערגלייך ניט מיין פאטער צו אייך, מיין פאטער איז א קינסטלער אין א יארמאָלקע מיט א גרויסער נשמה, און איהר זייט א קינסטלער אין א צילינדער מיט א גרויסער צונג...

חוה: (צומישט) הערר וואָלפערט, מיר מוזען זיך איילען.. וואו איז צפּורה? זאָל זי דערלאנגען מאנסיע וואָלפערט די קליידער...

וואָלפערט: איך וועל אליין מיינע קליידער נעהמען. (אָב לינקס.)

מיימאנאָוו: (קוקט אויף חוה'ן, דאן געהט ער צו צום פענ־סטער, שטעהט א ווײלע. קעהרט זיך אום צוריק צוטראָגען, קענטיג עפּעס מוטשעט איהם. דאן שטיל:) ווילסט טאקי געהען אין טהעא־טער, חוה?...

חוה: (אויפגערעגט) וואס הייסט? איך פערשטעה ניט וואס

מיימאנאָוו: איך מיין... איך מיין... (שטאמעלט) הם! הם! (געהט ווידער איבער'ן צימער און גלעט זיך די באָרד.) נו, יא, יא, געה, געה!..

חוה: מאָאיסעי, ווי דו רעדסט עפּעס!

מיימאנאָוו: האָסטו געהערט, מיט וואס פיר א פרעכען טאָן

יענער האט מיר געענטפערט? איך גלויב, אז מיט אזא פרעכען מענשען האסטו אין טהעאטער ניט געדארפט געהען!

חוה: ער איז ניט פרעך, מאאיסעי, דו קענסט איהם ניט!

מיימאנאָוו: פיעלייכט קענסטו איהם בעסער. אבער ער איז א פרעכער מענש, זעהר אן אונאנגענעהמער. ערשט האב איך עס בעמערקט. און מיין טאטען דארף ער אויך ניט בעלײדיגען...

ישראל: די גאנצע צייט מאכט ער פון מיר אש און בלאטע, דער מאשיע חזיר! געה מיט איהם ניט, חוה'לע, שיק איהם צו אלדע שווארצע יאהר!

חוה: (אויפגערעגט, טהוט א טאפטשע מיט'ן פוס.) שווער, שווייגט! שווייגט!

מיימאנאָוו: (איבערראשט) וואס איז עס, חוה'לע? דו טאפטשעסט עס אזוי מיט'ן פוס? זייט ווען האסטו עס זיך אויסגעלערענט?

חוה: איהר האט קיין רעכט ניט אזוי צו בעלײדיגען איהם! ער איז אזוי אנשטענדיג ווי איהר אלע! ער איז מיין פריינד, מיין בעסטער פריינד. מאאיסעי, איך ראטה דיר, לאז מיך בעסער יעצט צופריעדען!

מיימאנאָוו: (שטאמעלט) וואס איז עס? (זעצט זיך און קוקט אויף איהר מיט גרויסע אויגען, דאן שטעהט ער אויף.) און דאך וואלט איך דיר געראטהען, דו זאלסט היינט ערגעץ ניט געהען, ווייל דו ביזט נאך אויפגערעגט פון געסטערן...

חוה: איך מוז היינט געהען. קיינער אין דער וועלט איז ניט אימשטאנד מיך אפצוהאלטען פון צו געהען היינט אין טהעאטער, קיינער ניט!

מיימאנאָוו: קיינער ניט, אפילו דיין מאן אויך ניט?

חוה: אפילו דו אויך ניט. מאאיסעי, איך בעט דיך, לאז מיך יעצט צופריעדען. שטעל מיר ניט אזוינע פראגען!

מיימאנאָוו: דאך, אז איך וועל דיך בעטען, וועסטו בלייבען אין דער היים. ניט אמת, חוה'לע?

חוה: דיין בעטען וועט יעצט אויך ניט העלפען.

מיימאנאָוו: אזוי? (קוקט אויף איהר צוטראגען. פויזע.) נו, אויב מיין בעטען וועט יעצט אויך ניט העלפען, וועל איך דיך ניט

בּעטען. קענסט גיהען, קענסט טהאָן, וואס דו ווילסט! (געהט צו צום פענסטער און שטעלט זיך צו איהר מיט'ן רוקען.)

(וואָלפערט אין א פעלערינע און צילינדער פון לינקס.)

וואָלפערט: איך בּין פארטיג. אַדיע, דאָקטאָר!
חוה: (געהט צו צו מיימאנאָוו'ן. אויפגערעגט און שטיל.) ענטפער איהם, ער פאהרט היינט אַוועק!
מיימאנאָוו: (הארט) אַדיע, אַדיע, חוה'לע!
חוה: (בּלייבּט א ווײַלע שטעהען, קוקט אויף מיימאנאָוו'ן. פּויזע.) קומט, מאָנסיע וואָלפערט! (אָב מיט איהם רעכטס.)
מיימאנאָוו: (בּעגלייט זי מיט די אויגען צוטראָגען. פיר זיך.) וואס איז עס? זאָל דאס מעגליך זיין? זיי האבּען פריהער געליעבּט איינער דעם אַנדערען. ווי האב איך וועגען דעם פריהער ניט א טראכט געטהאָן! בּין צופיעל פערנומען געוועזען מיט אנדערע זאכען. (געהט דורך דעם צימער און שטעלט זיך פּלוצים אָפּ.) הא, יעצט ווערען מיר א סך זאכען קלאָר! יעצט קען מען פערשטעהען, פארוואס זי האט זיך פּלוצים אזוי איבּערגעאַנדערשט. איהרע געסטערדיגע פּלוצים'דיגע ערקלערונג, אַז זי וויל לעבען... יא, יא, דאס איז אזוי קלאָר, אַז עס צומישט מיר דעם מוח! ווי איז עס מיר פריהער ניט איינגעפאַלען?! קוקט אָן זיין טאַטען, וועלכער זיצט בּיים טיש און רויכערט.) טאַטוניו, ער פלעגט יעדען טאָג בּיי אונז זיין?
ישראל: ווער, משה'ניו?
מיימאנאָוו: וואָלפערט?
ישראל: דער מאַשיע חזיר? אודאי יעדען טאָג. פלעגט הי־נען דעם גאַנצען טאָג בּיי חוה'לען אין קאַמער.
מיימאנאָוו: (טהוט זיך א כאַפּ.) הא? בּיי חוה'לען? פלעגסטו דאָרט אויך זיין אין צימער?
ישראל: מיר איז ניט ניחא געוועזען אריינצוגעהען צו חוה'ן אין קאַמער, בעת ער איז דאָרט געוועזען. וואָרים ווי נור איך פלעג אריינגעהען, אזוי גלייך פלעגט ער נעהמען כריוקען און לאַכען פון מיר, אַז איך פלעג אַנטלויפען פון קאַמער, ווי פון א מגפה... אבּער פארוואס פרעגסטו עס בּיי מיר, משה'ניו?

מיימאנאָוו: אזוי, גלאַט אין דער וועלט אריין! (זעצט זיך ביים טיש און שפּארט אָן דעם קאָפּ אויפ׳ן עלענבויגען. פיר זיך:) עס איז אזוי קלאָר! דער טאַטע זאָל מיט זיי ווענינער מחותן זיין, מאַכט מען איהם צו ענטלויפען, זידעלט מען איהם און מען לאַכט פון איהם! וואס פיר א דומקאָפּ איך בין, ווי אזוי האב איך עס ביז יעצט ניט פערשטאַנען!

ישראל: וואס האָסטו זיך פערטראַכט, משה׳ניו?

מיימאנאָוו: (טהוט זיך א כאַפּ) האַ? (קוקט איהם אָן מיט גרויסע אויגען.)

ישראל: איך פרעג, זוהנוניו, וואס האָסטו זיך אזוי פער־טראַכט?

מיימאנאָוו: גאָר נישט, גאָר נישט! איך טראַכט וועגען א נייעם אַרטיקעל...

ישראל: פאַר דיין צייטונג?

מיימאנאָוו: (פערטראַכט) יאַ, יאַ!... (הייבט זיך אויף פון אָרט) איך דענק, איך וועל אויך געהען אין טהעאַטער...

ישראל: דו האָסט דאָך, משה׳ניו, צוגעזאַגט צו רעדען אין גרויסען בית מדרש?

מיימאנאָוו: (טראַכט און דאַן ענטשלאָסען) דו האָסט רעכט... איך מוז זיך בעהעררשען. די ראָלע פון אַן אָטהעללאָ פּאַסט ניט פאַר מיר!

ישראל: (פערוואונדערט) וואס רעדסטו, משה׳ניו? איך פערשטעה דיך ניט...

מיימאנאָוו: טאַטעניו, איך פערשטעה זיך אַליין ניט... כאַ, כאַ, כאַ! און דו, טאַטוניו, האָסט אַלע מאָל געדענקט, אז איך בין א חכם! (געהט צו צום פענסטער און מורמעלט:) די בעסטע פרוי איז ניט מעהר ווי א ווייב!..

(פון דרויסען דערהערט זיך א געזאַנג פון פיעל שטימען.)

שיינדעלע לויפט אריין מיט התפעלות פון רעכטס.)

שיינדעלע: (קלאַפּט אין די הענד און טאַנצט אונטער) זייד־דעניו, עס קומען נאָך! עס קומען נאָך! (לויפט ארויס צוריק.)

ישראל: (לויפט צו צום פענסטער. די שטימען פון דרויסען זינגען: „מיר ווערען געיאָגט און געטריעבען.” ביי איהם ציטערן

זיך אָן די אויגען.) אַך, וואס פאר א געשמאַק שטיקעלע זיי זינגען דאָרט, מיין שטיקעלע, דאַכט זיך!.. עס נעהמט, עס נעהמט ביים הארצען! (עפענט דאס פענסטער און רוקט ארויס דעם קאָפּ. דאס זינגען שטארקער, נעהענטער. ער כאַפּט ארונטער די יארמאָלקע, פאָכעט מיט איהר און שרייט בעגייסטערט: אוררא! אוררא! און לויפט דאָן ארויס פון צימער.)

מיימאנאָוו: (אליין. געהט צו צום פענסטער און הערט זיך צו פערטראכט צו דעם געזאנג, וואס שטארבט אָפּ אלץ מעהר און מעהר אין דער ווייטקייט. מורמעלט:) עס איז גאָר נישט, ער פאהרט היינט אוועק. עך, דומהייטען, אזוי גענאַרט האב איך ניט געקענט זיין אין חוה'ן! דאס דאַכט זיך מיר! (טרעט אָפּ פון פענסטער און זעצט זיך ביים טיש.) עך, וואס פאר א מאָדנער אינסטרומענט דער מענש איז: איין ציה פון א ווינטעלע, און אלע זיינע סטרונעס ציטערען און צאַפּלען זיך!

(צפּורה אריין.)

צפּורה: עפּעס צוויי יונגע לייט ווילען אייך זעהען, דאָקטאָר. (נעהמט צוזאמען די געשיער פון טיש אויף א טאַץ.)

מיימאנאָוו: צוויי יונגע לייט? מסתמא פון זעלבסטשוטץ קאָמיטעט. שיקט זיי אריין. (צפּורה אָב.) זיי קומען אין דער ריכטיגער צייט, צו דערמאָהנען מיך, אז איך האב נאָך א פאָלק אויך, אויסער מיין ווייב... כא! כא! כא! כא! די גרינע שלאנג פון אייפערזוכט איז א ביטערע בעל דבר'טע, ווען זי האט אפילו געקענט גענ־פינען א טירעל צו מיין הארץ אויך...

(זאַכאַר און מיכאאיל קומען אריין. זאַכאַר איז א יונגער־מאַן מיט געלע האאר, מיט א קליין געל בערדעל, אין א רויטען העמד, מיט א קאָזיראָק אין די הענד. ער קוקט אוים אַלט א יאהר עטליכע און צוואנציג. האַלט זיך מיט ווירדע, רעדט מיט ענטשלאָסענהייט אין קול. מיכאאיל איז א איד א יאהר 40, מיט א שווארצען באָרד, איז אָנגע־טהאָן, ווי א אידישער בעל הבית'שער יונגערמאַן.)

מיימאנאָוו: (שטעהט אויף און געהט זיי אַנטקעגען.) הא, הערר זאַכאַר, מאַיאָ פּאָשטעניע! (דריקט איהם די האנד.)

זאַכאַר: איך וועל אייך פאָרשטעלען, דאָקטאָר! ווייזט אויף מיכאאיל׳ן.) מיכאאיל, פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי!

מיימאנאָוו: (דריקענדיג מיכאאיל׳ן די הענד.) עס פרעהט מיך אייך צו קענען! ביטטע, זעצט זיך, מיינע הערען! (זיי זעצען זיך אַלע ארום טיש.)

מיכאַאיל: מיר זיינען געקומען אייך איבערגעבען אונזער בע־שלום. די אָרטיגע קאָמיטעטען פון „בונד,״ פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטען, פון די עס־עראָווצעס, האבען אָבגעהאַלטען אַן אַלגעמיינע פערזאַמלונג און האבען בעשלאָסען: אזוי ווי די לעצטע עטליכע וואָכען ווערט אין אונזער שטאדט אָנגעפיהרט אַ שטאַרקע אגיטאַציע פיר אַ פּאָגראָם, און אזוי ווי דער פּאָגראָם קען אויסברע־כען יעדען טאָג, ווערט בעשלאָסען צו געהען האנד אין האנד, וואס אנבעלאַנגט דעם זעלבסטשוטץ געגען פּאָגראָמען, מיט די איבריגע אידישע זעלבסטשוטץ חברות, די פּע־צע, עס־עס און אַנדערע.

מיימאנאָוו: (מיט פרייד) ווירקליך? בראַוואָ! בראַוואָ! ווי מיך פרעהט עס! אָה, ווען דאס האט געקענט פּאַסירען, אַז דער אָרטיגער קאָמיטעט פון די רוסלענדישע סאָציאַל - דעמאָקראַטישער פאַרטיי זאָל זיך פעראייניגען מיט דעם „בונד״ אין אַזא אַנגעלעגענ־הייט, וואס ריהרט אָן נור אידישע לעבענס און אידישען האָב און גוטס, דאַן בין איך איבערציינגט, אַז מיין האָפנונג, צו פעראייניגען אַלע אי־דישע פאַרטייען אין איין גרויסע אידישע פאַרטיי, וואס זאָל שטרויי־טען פיר איהר אייגענע גאולה, וועט זיכער מקוים ווערען.

מיכאַאיל: (מיט אַ שמייכעל) דאָקטאָר, די גאולה איז דאָך שוין דאָ: דער נעכטיגער מאַניפעסט. איהר פרעהט זיך גאָר ניט מיט איהם?

מיימאנאָוו: איך גלויב אזוי ווייניג אין דעם נעכטיגען מאַני־פעסט, ווי אייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. (פון דרויסען דערטראָגען זיך שטימען, וואס זינגען די „התקוה.״)

זאַכאַר: (מיט אַ שמייכעל) די ציוניסטען לאָזען זיך אויך הערען! (הערען זיך צו צו דעם געזאַנג, וואס שטאַרבט באַלד אָפּ אין דער ווייטקייט.)

מיימאנאָוו: (בעגייסטערט) איהר האט געהערט, וואס זיי

האבען געזונגען? די התקוה, די האָפנונג פון אידישען פאָלק! אָט דאס איז דער ריכטיגער מאַניפעסט וועגען די אידישע גאולה, אָט דאס ליעד!

זאַכאַר: די אידישע גאולה, דאָקטאָר, איז אין רוסלאַנד. מיר, בונדיסטען, האבען עס שוין לאַנג קלאָר בעוויעזען!

מיכאַאיל: די אידישע גאולה, ד. ה. די גאולה פון דעם אידי־שען פראָלעטאַריאַט איז דאָרט, וואו די גאולה פון דעם רוסישען פראָ־לעטאַריאַט, וואו די גאולה פון דעם פראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט...

מיימאנאָוו: (מיט אַ שמייכעל) פראָלעטאַריאַט! איך האב געקענט אַ דאָקטאָר, וואס האט אויך געוואוסט ווי אייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אז דער מענש האט אַ מאָגען און האט אויך געגלויבט, אז אלע קראַנקהייטען פון דעם מענשען שטאַמען פון'ם מאָגען. דערי־בער וואס פיר אַ קראַנקער עס פלעגט צו איהם ניט קומען, פלעגט ער איהם אָבשיקען צום אפטייקער נאָך קאַסטאָר אויל... אזוי האבען אייערע דאָקטוירים סאָציאַל־דעמאָקראַטען פיר אַלע קראַנקע אויך איין רפואה: געהט צום פראָלעטאַריאַט! אבער דער פראָלעטאַריאַט איז דאָך ניט איין מענש, עס זיינען דאָך דאָ פראָלעטאַריער: אי דייטשען, אי פראַנצויזען, אי רוטינער, אי טשעכען, אי אונגאַרען, אי רוסען, אי אידען, אי פאָליאַקען, און אזוי ווייטער. איהר קענט דאָך ניט זאָגען, אז זיי אַלע זיינען פון איין טייג אויסגעקנאָטען, אז זיי אַלע האבען איין קאָפּ, איין האַרץ, דעם זעלבען טעמפּעראַמענט, גע־וועהנהייטען, סימפּאַטהיען און אַנטיפּאַטהיען. עס מוזען דאָך עפּעס זיין אינדיווידועלע אָדער ראַסען־שטריכען, וואס אונטערשיידען דעם פראָלעטאַריאַט פון איין פאָלק און דעם אַנדערען, פון איין לאַנד און דעם אַנדערען.

מיכאַאיל: (געלאַסען און מיט אַ שמייכעל) דאָקטאָר, אייער קאָלעגע איז גערעכט געווען, ווען ער האט אלע קראַנקהייטען בע־טראַכט פון דעם מאָגען־שטאַנדפּונקט. ער האט געמוזט זיין אַ בראַ־ווער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אייער קאָלעגאַ! די אַלע פראָלעטאַריער פון אלע ראַסען און פעלקער, ווי פערשיעדען זייערע טעמפּעראַמענטען און געוועהנהייטען זאָלען ניט זיין, דאָקטאָר, האבען אבער אין די קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער איינעם און דעם זעלבען קאַמפּף צו פיהרען,

דעם קאַמפּף פיר א געזונדען, זאַטען מאָגען געגען דעם קאַפּיטאַליז־מוס, וואס פערשלינגט אַלעס מיט זיין היפּאָפּאָטאַמוס־מאָגען. דיעזער קאַמפּף פיר דעם מאָגען פערבריידערט אַלע פּראָלעטאַריער פון דער וועלט אין איין גרויסע מחנה קלאַסען־ברידער, וואס קעמפּפען פיר איינע און די זעלבע אינטערעסען און שטרעבען צו איינעם און דעם זעלבען פּונקט: צו דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזמוס, דעריבער זאגען מיר, רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אז די גאולה פון דעם אי־דישען פּראָלעטאַריאַט איז....

זאַכאַר: (כאַפּט אונטער) איז אין די בונדיסטישע רייהען!

מיכאַאיל: (מיט א שמייכעל) און פאַרוואס ניט עפּעס אין די ציוניסטישע רייהען, זאַכאַר?

זאַכאַר: אָה, חבר מיכאַאיל, מאַכט זיך נור ניט אזוי תם־עוואַטע!

מיכאַאיל: איך זעה ניט קיין גרויסען אונטערשיעד צווישען אייך, בונדיסטען, און די פערשיעדענע ציוניסטען. איהר זייט אַלע גלייכע שאָוועניסטען פון פאָלק ישראל, אָלע אָהן אונטערשיעד.

זאַכאַר: טאָמער וואָלט איהר אָנגעטהאָן ברילען אויף אייערע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויגען, חבר מיכאַאיל? דאַן וואָלט איהר אפשר דערזעהען דעם אונטערשיעד צווישען אונז בונדיסטען און די ציוניסטען, חבר מיכאַאיל!

מיכאַאיל: איהר ווייסט, וואס איך וועל אייך זאגען: רופט מיך ניט חבר, וואס פיר א חבר בין איך אייך!

מיימאָנאָוו: (קוקט אויף זייביידען מיט א שמייכעל, דאַן צו־לאַכט ער זיך.) כאַ, כאַ, כאַ!

מיכאַאיל: וואס לאַכט איהר, דאָקטאָר?

מיימאָנאָוו: וואס איך לאַך? (קוקט איהם אָן מיט א שמיי־כעל. פּויזע.) איהר זייט דאָך ביידע אינטעליגענטע מענשען, האַ?

מיכאַאיל: נו?

מיימאָנאָוו: ביידע ציעל־בעוואוסטזיניגע, קלאַסען־בעוואוסט־זיניגע, כשר'ע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. ניין?

מיכאַאיל: איך מיין, דאָקטאָר, אז איך בין א בעוואוסטזיניגער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אבער וואס אַנבעלאַנגט איהם... פיר א בונדיסט

קען איך ניט גאַראַנטירען, אויב ער איז אויך א בעוואוסטזיניגער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַט.

זאַכאַר: (שארף) א בונדיסט קען פיר זיך אליין גאַראַנטירען, הערר מיכאַאיל! דער סאָציאַליזמוס פון די בונדיסטען נעטהיגט זיך ניט אין אייער הסכמה!

מיימאַנאָוו: כאַ, כאַ, כאַ! איהר זעהט, האַ? און איהר חלום'ט, אַז מענשען פון פערשיעדענע ראַסען און פעלקער, מיט פער־שיעדענע טעמפעראַמענטען און געוועהנהייטען, שפּראַכען און גלויבען, זאָלען לעבען, ווי ברידער, ווען איהר קינדער פון איין ראַסע, פון איין לאַנד, מיט דעם זעלבען גלויבען צו אונגלויבען, ביידע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, קענט זיך ניט פערטראָגען אפילו ווי שטיף־ברידער?! און פאַרוואַס? ווייל אין געוויסע פונקטען אונטערשיידען זיך די פּראָגראַמען פון אייערע ביידענס פּאַרטייען. פרעג איך אייך, איהר זייט דאָך עפּעס אינטעליגענטע מענשען! דענקט איהר ניט, אַז גע־וואָהנהייטען, ראַסען־אונטערשיידונגען, שפּראַכען און גלויבען, זיינען ניט אזוי וויכטיג, ווי די פונקטען אונטערשיידונגען אין די פּראָגראַ־מען פון אייערע פּאַרטייען?

זאַכאַר: אויף דעם, דאָקטאָר, ענטפערט דאָך דער „בונד" מיט זיין עקזיסטירען, די אידען מוזען האבען זייער אייגענע ארבייטער פּאַרטיי.

מיכאַאיל: מיט איין וואָרט, דריי מאָל אוררא פיר דעם אתה בחרתנו'איזמוס!

מיימאַנאָוו: יעדעס פאָלק האַלט פון דעם אתה בחרתנו. און ניט נור יעדעס פאָלק, נור יעדע פּאַרטיי אויך. האַלט זיך ניט אייער פּאַרטיי פיר די איינציגע ריכטיגע אויסגעוועהלטע? און דאָס איז וואָס איך וויל, איהר זאָלט פערשטעהען, הערר מיכאַאיל. ווייל עס זיינען דאָ אזוי פיעל פערשיעדענע אתה בחרתנו'קעס אויף דער וועלט, וועלען נאָך לאַנג, זעהר לאַנג די שטאַרקערע אתה בחרתנו'קעס דריי־קען די שוואַכערע...

מיכאַאיל: האט נור קיין מורא ניט, דאָקטאָר, די מענשהייט געהט פאָרווערטס און ניט ריקווערטס.

מיימאַנאָוו: (מיט איראָניע) געווים געהט די מענשהייט פאָר־ווערטס, איבערהויפּט די רוסישע מענשהייט. דער בעסטער בעוויז

זיינען ווידער די פּאָגראָמען. מיט 25 יאהר צוריק, ווען די זעלבע רוסישע מענשהייט איז ניט געווען אזוי אויפגעקלערט, האט זי נור גערויבט אידישען האָב און גוטס, האט זי נור אידישע הייזער חרוב געמאַכט, אידישען מעבעל געבראָכען, אידישע בעט־געוואַנד געריסען. יעצט אבער איז די מענשהייט אויפגעקלערט געוואָרען: עס איז איהר ווייניג אידישע האָב און גוטס. אידישע קעפּ האקט זי מיט העק און לאָמען. אנשטאט אידישען מעבעל ווארפט זי דורך די פענסטער אי־דישע עופה׳לאַך, און אנשטאט אידישען בעט־געוואַנד רייסט זי אויף בייכער ביי אידישע פרויען! הייסט עס ניט, אז די מענשהייט געהט פאָרווערטס? !... כאַ, כאַ, כאַ!

מיכאַאיל: (נערוועז) דאס איז לשון הרע אויף דעם רוסישען פאָלק! ניט די מענשהייט איז אין דעם שולדיג און ניט דאס גאַנצע רוסישע פאָלק. דער אפשוים פון דער מענשהייט האט עס געטהאָן אין קישינעוו, דער לומפּען־פּראָלעטאריאַט אויפגעהעצט פון דער רע־גיערונג! דאָקטאָר, רעדט ניט אזוי, פון אייך האב איך ערוואַרטעט א מעהר ערנסטען בליק אויף די פּאָגראָמען!

מיימאַנאָוו: (מיט היטץ) מיין בליק איז ניט ווייניגער ערנסט, ווי אייערער, הערר מיכאַאיל! (מיט וועהטאָג) דער לומפּען־פּראָלע־טאַריאַט האט עס געטהאָן און ניט די אויפגעקלערטע מענשהייט איי־ערע? אבער וואס האט געטהאָן אייער אויפגעקלערטע מענשהייט, ווען יענע לומפּען האבען אידישע מאַמעס און טעכטער געשענדעט, האבען זייערע בייכער מיט פעדערן אָנגעשטאָפּט? וואו איז זי גע־ווען, אייער אויפגעקלערטע מענשהייט, ווען יענע ווילדע חיות האבען געקלאַפּט אָן די געמויערטע ווענד די קעפּלאַך פון די אונשולדיגע אי־דישע עופה׳לאַך, האבען מיט זייער מאַרך די שטיינער בענעצט, האבען אידישע קעפּ געשניטען, הענד און פיס פון אידישע קערפּערס געריסען, — וואו איז זי דאַן געווען, אייער אויפגעקלערטע מענשהייט, וואו, הערר מיכאַאיל? פאַרוואס האט מען ניט געהערט, אז עטליכע פון אייערע רוסישע אויפגעקלערטע מענשען זיינען געפאַלען אין קישי־נעוו, פערטהיידיגענדיג אידישע לעבענס געגען אזוינע שרעקליכע וויל־דע חיות, פאַרוואס? !...

מיכאַאיל: דערמאָהנט זיך, דאָקטאָר, אָן דעם לעצטען פּאָ־גראָם אין זשיטאָמיר, דערמאָהנט זיך אָן דעם רוסישען סטודענט בליי־

נאָוו, וואס האט אויפגעאָפּפערט זיין לעבען פיר די אידען!

מיימאנאָוו: בלינאָוו? יא, איך געדענק בלינאָוו'ן. יעדער איד געדענקט און בענטשט זיין נאָמען. די פראגע איז אבער: פאר־וואס איז בלינאָוו אַן איינצעלנע זעלטענע ערשיינונג אין דער רוסישער אויפגעקלערטער געזעלשאפט? דערמאָהנט זיך נור, וואס פיר אַן איבערראשונג איז פיר אונז אידען געוועזען בלינאָוו'ס אויפאָפּפערען זיך פיר אונז! מיר האבען איהם גלייך פיר אונזערען א קדוש ער־קלערט, א מאָנומענט איהם געוואָלט שטעלען, זיין ווייב און קינדער מיט א פענסיע האבען מיר געוואָלט פערזאָרגען... און ער האט דאָך געטהאָן ניט מעהר ווי זיין מענשליכע פליכט: קעפּלאָך פון אונשול־דיגע עופה'לאך האט ער ניט געוואָלט דערלאָזען מען זאָל צוקלאפּען אַן געמויערטע ווענד! פיעל מעהר פון איהם טהוען דאָך טאָג־טעג־ליך הונדערטע און הונדערטע אידישע קינדער פיר זיין רוסישען פאָלק! היינט פארוואס, פרעג איך אייך נאָך אמאָל, איז ער אזא זעלטענע ערשיינונג? וואו זיינען די אנדערע בלינאָוו'ס פון דער רוסישער אויפגעקלערטער מענשהייט? פארוואס טרעטען זיי אויך ניט ארויס, ווען מען רייסט ארויס אויגען און ציינער ביי אידישע מע־נער און פרויען?! איהר ווייסט, פארוואס, הערר מיכאאיל? אָט איך וועל אייך ענטפערען פארוואס: וייל „קלאסען־בעוואוסטזיניגע אינטערנאציאָנאלע ברודערשאפט” איז א ג י י ע ר, ר ו י ט ע ר פונקט אין די פּראָגראמען פון זייערע פארטייען און דאס אידישע פאָלק איז אַן אַלטער, ש ו ו א ר צ ע ר, איינגעגעסענער פונקט אין זייערע הערצער!...

מיכאאיל: (שפּרינגט אויף) דאס איז א ליגען! א דומער ליגען!

מיימאנאָוו: (טהוט א קוק אויף איהם ביסטרע, אבער בע־הערשט זיך און געלאסען:) הע, מיין הערר, קענט איהר ניט זיין עטוואס העפליכער? ענטשולדיגט, איך האב געדענקט, איך רעד צו אַן אינטעליגענטען, ציוויליזירטען מענשען! (פּויזע. קוקען זיך אָן איינע די אנדערע, דאַן הייבען זיי אָן צו געהען אויפגערעגט איבער'ן צימער אין בעזונדערע ווינקלאָך.)

מיכאאיל: (שטעלט זיך אָפּ) ענטשולדיגט, דאָקטאָר, איך האב אייך ניט געוואָלט בעליידיגען. עס טהוט מירווירקליך לייד

פיר דעם שארפען אויסדרוק, וואס איך האב געברויכט. איהר האט אבער בעליידיגט די היילינגסטע געפיהלען פון מיין הארצען, מיין גלוי־בען, צו וועלכען איך האב מיין לעבען געווידמעט... ענטשולדיגט!

מיימאנאָוו: (דריקט איהם די האנד) מיין פריינד, פון גאנ־צען הארצען ענטשולדיג איך אייך פיר דעם שארפען אויסדרוק. אבער איך וועל אייך קיינמאָל ניט ענטשולדיגען, וואס איהר און נאָך אזוינע ווי איהר פערלאָזען אייער אידישען פאָלק.

מיכאאיל: (מיט א שמייכעל) נו, דערפאר, דאָקטאָר, וועל איך קיין ענטשולדיגונג ביי אייך ניט בעטען. איך האב מיין פאָלק פערלאָזען און בעלאנג יעצט צו דער מענשהייט...

מיימאנאָוו: וויעדער די מענשהייט! אך, מיין פריינד, איהר בעלאנגט אפשר צו דער מענשהייט, אבער די מענשהייט בע־לאנגט ניט צו אייך. ביי איהר זייט איהר און וועט בלייבען ניט סתם א מענש, נור הויפטזעכליך א זשיד, ד. ה. כמעט גאָר קיין מענש ניט. פאָלגט מיך: בעסער אנשטאט מענשהייט - בעוואוסטזיניג, ווערט מעהר פאָלקס־בעוואוסטזיניג, אידיש־בעוואוסטזיניג, דאן וועט אייער מענשהייט אליין אויף אייך אויך קוקען מעהר מענשליך־בעוואוסטזיניג, גלויבט מיר!

מיכאאיל: א דאנק אייך פיר דעם ראטה, דאָקטאָר! אפשר וועט איהר מיר נאָך ראטהען, איך זאָל אין גאנצען קיין אנטהייל נעה־מען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג?

מיימאנאָוו: אָה, גאָט בעוואהר, פון דעם וועל איך אייך קיינ־מאָל ניט אָפּראטהען. איך בין א דאָקטאָר און ווייס ווי וויכטיג איז פיר דעם מענשען פרישע לופט.

זאַכאַר: און מענשליכע רעכטע.

מיימאנאָוו: יא, און מענשליכע רעכטע. און דערפאר סימ־פאטהיזיר איך פון גאנצען הארצען מיט אונזער אידישער יוגענד, וואס קעמפפט אזוי העלדיש פיר אלגעמיינע מענשליכע רעכטע. איך וויל אבער, אז דיעזע אלגעמיינע מענשליכע רעכטע זאָלען ניט פערשלינגען איהרע פאָלקס־רעכטע, איך וויל, אז אונזער יוגענד זאָל ניט לייגען קיין צופיעל האָפנונג אויף די פערברידערונג פון אלע פעלקער און זאָל מעהר האָפנונג לייגען אויף איהר אייגענע פערברידערונג מיט איהר אייגענעם פאָלק אליין. איך וויל, אונזער יוגענד זאָל פערשטעהען,

אז כל זמן דער איד וועט ניט ארוים אויף זיינע אייגענע קעסט אין זיינעם אַן אייגענעם היים, וועט מען אויף איהם תמיד קוקען ביים גלות־טיש, ווי אויף אַן אומזיסטיגען פרעסער, א פרעמדען, און מען וועט איהם ציילען די ביסענס פון מויל און איהם ווינשען, ער זאָל דערוואָרגען ווערען !..

מיכאַאיל: דער אַלטער חלום, א אידישע מלוכה!

מיימאָנאָוו: ניט מעהר חלום ווי א סאָציאַליסטישע וועלט־מלוכה!

מיכאַאיל: די פערווירקליכונג פון דעם סאָציאַליזמוס איז א היסטאָרישע נויטהווענדיגקייט פון דער עקאָנאָמישער אונגלייכהייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

מיימאָנאָוו: און די פערווירקליכונג פון אַן אייגענעם לאַנד פיר דעם אידישען פאָלק איז ניט וועניגער א היסטאָרישער רעזולטאַט ניט נור פון אַן עקאָנאָמישער אונגלייכהייט, זאָנדערן פון ראַסען און נאַציאָנאַלער אונגלייכהייט אויך!

זאַכאַר: נו, דאָקטאָר, אייער אידישע מלוכה איז ווירקליך ניט מעהר ווי א פאַנטאַזיע. וואו וועט איהר קריעגען א לאַנד פיר אידען?..

מיימאָנאָוו: ווען א פעראייניגטע אידישע פאָלק וועט ארבייטען פיר דעם, וועט עס קריעגען. אין דעם בין איך איבערצייגט. די וועלט איז געוויס גרוים.

מיכאַאיל: אויב ניט אויף דער פּלאַנעטע, איז אויפ'ן מאַרס...

מיימאָנאָוו: זייט רוהיג, הערר מיכאַאיל, אויף דער פּלאַנעטע וועלען מיר נאָך אויך גענוג פּלאַץ קריעגען, אפילו פיר אזוינע ווי איהר אויך, ווען אייערע ניט אידישע חברים וועלען אייך זאָגען: „זשיד, פּאַשאָל וואָן!...”

זאַכאַר: עך, דאָקטאָר, ווי קען אַזאַ קלוגער מאַן, ווי איהר, טרוימען פון א טעררימאָריע? ווייסט איהר דען ניט, אַז אויף אריינ־קריעגען טעררימאָריען קוקען אוים אַנדערע פעלקער אויך? איז ערגעץ דאָ צו קריגען א גוטע טעררימאָריע, וועלען מסתמא ניט אידען זי קריעגען... און וועלען אידען דורך א נס זי יא קריעגען, וואוינט דאָך מסתמא שוין אויף יענער טעררימאָריע א בעפעלקערונג. ווער וועט וועמען דאַן פערפאָלגען, צו די אידען יענע, צו די בעפעלקערונג

די פרעמדע אידען?... ניין, דאָקטאָר, איך מיין, אז מיר, רוסישע אידען, האבען שוין א טערריטאָריע, די, אויף וועלכער עס האבען נאָך געוואוינט אונזערע עלטער־עלטער זיידעס. אין רוסלאנד איז אונזער טערריטאָריע. אין א פרייען רוסלאנד...

מיימאנאָוו: אמת, אין רוסלאנד איז א טערריטאָריע פון אונ־זערע טויטע. דאָ ליעגען בעגראָבען גאנצע דורות אידען... רוסלאנד וועט אבער בלייבען א טערריטאָריע נור פיר טויטע אידען, ווייל די לעבעדיגע אידען וועט מען דאָ ניט לאָזען לעבען...

(עס דערהערט זיך פון לינקס צפורה'ס געשריי: „ארציק'ל, ממזר, וואוהין קריכסטו?")

(אָרציק'ל, א בלייך אינגעלע, א יאהר 12, מיט א רויטער לענטע אין לאָץ פון זיין צוריסען רעקעל, רייסט זיך אריין אין טהיר לינקס. נאָך איהם צפורה, מיט א געשריי:)

צפורה: וואוהין לויפסטו, ממזר? (כאַפּט איהם אָן פיר'ן אקסעל און שלעפּט איהם צוריק.)

ארציק'ל: (רייסט זיך פון איהר) לאָזט, מוהמע! איך דארף צום דאָקטאָר.

מיימאנאָוו: צפורה, לאָזט צופריעדען דעם אינגעלע.

צפורה: דאס איז ארציק'ל, מיין שוועסטער'ס אָכוואַטניק. קומט צולויפען א פער'סט'טער, ער דארף דעם דאָקטאָר. מיין איך דאָך, אז אימיצער איז, חלילה, ביי איהם קראנק. פרעג איך: ווער איז קראנק? מאכט ער: קיינער ניט. און טאָפּ־טאָפּ, גלייך צו אייך! קום ארויס פון דאנען, אָכוואַטניק, געה אין חדר אריין...

ארציק'ל: איך וויל רעדען מיט'ן דאָקטאָר.

צפורה: הערסט, הערסט? מיט'ן דאָקטאָר רעדען! א מחותן מיט'ן דאָקטאָר! (כאַפּט איהם ווידער אָן.) אין חדר, אָכ־וואַטניק, אין חדר!

מיימאנאָוו: לאָזט איהם איין, צפורה!

צפורה: (לאָזט איין) ווארט, ווארט, דו וועסט שוין ביי מיר קריעגען קאָפּיקעס, א מכה!

מיימאנאָוו: צפורה, מיר דאַכט זיך, אז די פיש פרעגען זיך דאָרטען נאָך אויף אייך.

צפורה: (טהוט זיך א כאַפּ) אוי, מיינע פיש! (לויפט ארויס.)

מיימאנאָוו: (צום אינגעלע) דו דארפסט מיך, אינגעלע?

אַרציק'ל: (מיט א געהיימער מינע) איך דארף אייך... דאָקטאָר... סץ! סץ! (ווינקט צו איהם מיט די אויגען און רופט איהם.)

מיימאנאָוו: א סוד?

אַרציק'ל: יע, דאָקטאָר. סץ! סץ! (ווינקט צו איהם.)

מיימאנאָוו: (מיט א שמייכעל, ווינקט צו איהם צוריק) אַלזאָ, קום, אינגעלע, מיר וועלען הערען דיין סוד! (טרעט אָפּ מיט איהם אָן א זייט.) נו, דערצעהל דיין סוד.

ארציק'ל: (שטיל) איך בין פון „קליינעם בונד."

מיימאנאָוו: זעהר אנגענעהם די בעקאַנטשאַפט.

ארציק'ל: איך בין א קאָמיטעט צו אייך...

מיימאנאָוו: (מיט א שמייכעל) וואס פערלאַנגט דער ווערטהער קאָמיטעט?

אַרציק'ל: דער קליינער בונד האט געהערט, אז היינט דארף ביי אייך זיין א פערזאַמלונג פון זעלבסט־שוטץ און אז דער גרויסער בונד שיקט זיין קאָמיטעט אויף דער פערזאמלונג, וויל דער קליינער בונד זיין קאָמיטעט אויך שיקען אויף דער פערזאמלונג.

מיימאנאָוו: כאַ, כאַ, כאַ! איהר הערט, ווער דער אינגעל איז און וואס ער פערלאַנגט?

אַרציק'ל: (מיט בעס) דאָקטאָר, איהר האט קיין רעכט ניט צו זאָגען זוי, וואס איך פערלאַנג... איך האב מיט אייך גערעדט קאָנספּיראַטיוו... דאס איז א פּראָוואָקאַטאָרסטוואָ!...

מיימאנאָוו: (גוטמוטהיג) ווערטהער קאָמיטעטשיק פון קליינעם בונד, יענע לייטע זיינען אויך קאָמיטעטשיקעס: פון גרויסען בונד און פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען!..

אַרציק'ל: אָה, אויב יענע זיינען אויך פון אונזערע, מעגט איהר זיי זאָגען.

מיימאנאָוו: דיעזער קאָמיטעטשיק פון קליינעם בונד פערלאַנגט אין נאָמען פון זיין פּאַרטיי, אז זייער קאָמיטעט זאָל אויך צוגעלאָזען ווערען צו אונזער פערזאַמלונג.

אַרציק׳ל: (מיט פייער) מיר וועלען אויך פערטהיידיגען אונ־זערע טאַטע־מאַמעס, אונזערע ברידער און שוועסטער... מיר ווילען ניט שטעהען פון ווייטען, ווען די שוואַרצע כוליגאַנעס וועלען בעפאַ־לען אונזערע אידען... מיר ווילען אויך שטרייטען פיר אונזער לעבען גלייך מיט אייך גרויסע! אַה, איהר וועט זעהען, ווי אונזער קליינער בונד וועט שטרייטען, איהר וועט זעהען (מיט פינקלענדיגע אויגען) מיר וועלען זיי ווייזען, די שוואַרצע כוליגאַנעס, מיר וועלען זיי ווייזען!...

מיכאַאיל: קענסטו שיסען, אינגעלע?

אַרציק׳ל: ניט נור איך, נור אַלע פון אונזער קליינעם „בונד" האבען זיך אויסגעלערענט שיסען... דאס אונגליק איז אבער, וואס מיר האבען צוויי אַלטע רעוואָלווערען און מיר ווילען, איהר זאָלט אונז געבען נייע, איהר הערט?... גיט אונז אַלעמען נייע רעוואָלווערען!..

מיימאַנאָוו: (בעגייסטערט) נו, ווער וואָלט עס אַמאָל גע־גלויבט, אז ביי אונזער פאָלק זאָלען אויסוואַקסען אַזוינע קינדערלאַך!.. ביי אונזער פאָלק נור?! און וועלכעס אנדערעס פאָלק קען אויפווייזען אַזעלכע קינדער? אַך, מיין קינד!... (בייגט זיך צו צו איהם און גיט איהם א קוש.) ווי אַלט ביזטו?

אַרציק׳ל: 12 יאהר.

מיימאַנאָוו: ווי איז דיין נאָמען?

אַרציק׳ל: אַרציק׳ל.

מיימאַנאָוו: ווי הייסט דיין טאַטע?

אַרציק׳ל: איך בין איציק דעם בלעכער׳ס זוהן. איהר קענט דאָך איהם?

מיימאַנאָוו: אזוי, דו ביזט איציק דעם בלעכער׳ס זוהן? גע־ווים קען איך איהם. געהסטו אין חדר?

אַרציק׳ל: ניין. ביי אונז אין חדר איז א סטאַטשקע.

מיימאַנאָוו: א סטאַטשקע? געגען וועמען?

אַרציק׳ל: געגען דעם רבי׳ן... ער פלעגט אונז שלאָגען מיט א גראָבען רימען איבער די קעפּ, האבען מיר איהם ערקלערט א סטאַ־טשקע און האבען איהם אריינגעשיקט א רשימה מיט פּונקטען. (אַלע לאכען.)

מיימאַנאָוו: און אין וואס בעשטעהען אייערע פּונקטען?

אַרציק׳ל: (צעהלט אויף די פינגער) דעם גראָבען רימען זאָל ער ארויסוואַרפען — ניט איינס! (פארבייגט א פינגער) די רביצין זאָל אונז ניט שילטען — ניט צוויי! (פארבייגט צווייטען פינגער) א שעה ווארימעס — ניט דריי, און טאבאק זאָל ער ניט שמעקען, וואָרים, אז ער שמעקט טאבאק קען מען לעבען איהם ניט זיטצען — ניט פיער!...

מיימאנאָוו: נו, גיט ער אייך נאָך די פונקטען?

אַרציק׳ל: פיער האט ער אונז שוין נאָכגעגעבען. דעם פינפטען פונקט וויל ער אונז ניט נאָכגעבען. ער זאָגט, אז אָהן א שמעק טאבאק קען ער ניט לעבען. אבער, דודקי בראַט, ער וועט שוין קיין טאבאק ניט שמעקען! (אַלע לאַכען.)

מיימאנאָוו: כאַ, כאַ, כאַ! (נעהמט ארויס א מטבע פון קעשענע.) נאַ, אַרציק׳ל, א פערטעלע, קויף זיך עפּעס!

אַרציק׳ל: איך דאַרף ניט אייער פערטעלע, גיט מיר בעסער א נייעם פּיסטאָלעט! (געלעכטער) לאַכט ניט, איך האב איצט געהערט, ווי כוליגאַנעס רעדען, אז היינט נאָך וועט זיין א פּאָגראָם.

מיימאנאָוו: נו, דיין פערלאַנג וועלען מיר בעטראַכטען.

זאַכאַר: און דער בונד וועט אייך לאָזען וויסען...

אַרציק׳ל: פערגעסט־זשע ניט דעם קליינעם בונד! א גוטען! (לויפט ארויס.)

מיימאנאָוו: (מיט התפעלות) גוואַלד, וואס פיר א וואונדער דער נייער איד איז, וואס פיר א וואונדער! (ברעכט זיך אונטער) און דאָך, וואו איז די זאָרגלאָזע קינדהייט פון אונזערע קינדער... אָך! (עס דערהערט זיך פון דרויסען א זינגען פון דעם רוסישען פּאַטריאָטישען הימען „קאָל סלאַווען," וואס ווערט באַלד איבערגעריסען מיט דעם „באָזשע צאַריאַ כראַני," וואס מוזיק שפּיעלט אין דרויסען.)

מיכאַאיל: א פּראָצעסיאָן פון דער שווארצער מאה צוליעב דעם מאַניפעסט! (וואַרפען זיך אַלע צו די פענסטער.)

מיימאנאָוו: ליכט און פינסטערניש קעמפּפען היינט אין רוסלאַנד, די מאַרסעליעזאַ מיט דעם „באָזשע צאַריאַ כראַני!" (ארויסקוקענדיג דורך׳ן פענסטער) א פיינע קאַפּעלע! אַלע עבטע כלי קודש! גלחים, טשינאָווניקעס, און העלדען פון גאָרקי׳ס „נאַ דניע" און סתם שעהנע מענשען... (טהוט זיך א כאַפּ) זעה, נור זעה, און

מיין שווער איז אויך אין דער פּראָצעסיאָן, צווישען דער שעהנער קאַ־
פּעלע, און מיין שוואָגער באָרים אויך! אוי, אוי, זיי געהען הינטער
דעם פּאָליצמייסטער, אוי, אוי, וואזשנע, וואזשנע, צווישען אזא שעה־
נער חברה! און נאָך הינטער דעם פּאָליצמייסטער׳ס רוקען! אָט
דאס הייסט, אי כבוד געהאט, אי די פּאטריאָטישע געפיהלען ארויס־
געוויעזען!... (די מוזיק שטארבט אָפּ אין דער וויטען.)

זאַכאַר: נאַ, מען דארף געהען. מיר האבען נאָך היינט אַ
פערזאמלונג וועגען דעם מאניפעסט.

מיכאַאיל: מיר אויך.

מיימאנאָוו: איך אויך אין דער גרויסער שוהל.

זאַכאַר: אַלזאָ, ווען קומען מיר זיך ווידער צוזאמען, דאָק־
טאָר?

מיימאנאָוו: איך דענק היינט צווישען אכט און ניין אבענדס
ביי מיר אין הויז. מאָרגען בין איך פערנומען אויף אַן אסיפה וועגען
מיין פעראייניגונג׳ס פּלאַן.

זאַכאַר: אַלזאָ גוט. היינט צווישען אכט און ניין. אָבוואָהל
איך גלויב ניט, אז מיר דארפען אזוי גיך ערוואַרטען א פּאָגראָם. דער
עולם פיהלט זיך איצט צו מענשליך אויפגעלעגט...

מיימאנאָוו: פון דעסטוועגען וועט ניט שאדען, מיר זאָלען ניט
צופיעל גלויבען אין די מענשליכע געפיהלען פון דעם עולם.

מיכאַאיל: וויפיעל פּיסטאָלעטען געפינען זיך ביי אייך,
דאָקטאָר?

מיימאנאָוו: ארום פופציג...

זאַכאַר: אדיע, דאָקטאָר!

מיימאנאָוו: אדיע, הערר זאכאר! אדיע, הערר מיכאאיל!
(דריקט זיי די הענד) איך האָף, אז איהר וועט אין קורצען אויך איינ־
זעהען, אז דער אידישער פּראָלעטאריאט ליידעט אין גלות אויסער אַלס
פּראָלעטאריער נאָך אַלס איד אויך, אַלס פרעמדער צווישען די פּראָ־
לעטאריער פון אנדערע פעלקער און ער וועט אזוי לאַנג ליידען פון
די דאָזיגע צוויי מכות, כל זמן ער וועט זיין אין גלות. מיינע הערען,
געדענקט איהר דעם אַלטען חסיד׳שען ניגון: „וואס מיר זיינען, זיי־
נען מיר, אבער אידען זיינען מיר!" אדיע! (זאכאר און מיכאאיל

אָב. ער קוקט זיי נאָך פערטראכט. פאר זיך:) איצט וועל איך געהען איבערקוקען די ציימונגען. (אָב רעכטס.)

(די ביהנע בלייבט א ווײלע אליין.)

(חוה און וואָלפערט ביידע פרעהליכע און אויפגע־
לעגטע קומען פון טהיר לינקס.)

חוה: (מיט לייכטענדיגע אויגען, בעגייסטערט און הינגערי־סען) וואס פיר אָוואציאָנען! מיין גאָט, ווי איהר האט זיי אַלעמען ווילד געמאכט מיט אייער היינטיגען שפּיעלען!.. אַלעס איז בעגיי־סטערט, שרייט און קלאפּט „בראוואָ, בים!" אונטען, אויבען, פון אַלע זייטען... הערצער צאפּלען זיך, אויגען ברענען, בלומען שיטען זיך פון אַלע זייטען! (בעגייסטערט) אוררא, וואָלפערט! בראוואָ, וואָלפערט! בים, וואָלפערט! (לעגט איהם ארויף די הענד אויף די אַקסלען און מיט ווארימקייט אין קול:) ערשט היינט האב איך דער־פיהלט די גאַנצע מאכט פון אייער זשעני... איהר זייט א מכשף, וואָלפערט, א מכשף!

וואָלפערט: (גליקליך) איך האב פיר אייך היינט געשפּיעלט און נור פיר אייך אליין, יעווא! איך האב קיינעם ארום זיך ניט גע־זעהען, ווי נור אייך אליין, און דורך די אַלע געשרייען האב איך נור געהערט די שטימע פון דער שלעכטער יעווא'ן... אָך, יעווא, ווי גליק־ליך איך בין געווען, ווען איך האב בעמערקט, אַז דער אייז פון אייער הערצעלע צוגעהט אויך פון די זודיגע טענער פון מיין פיעדעלע!

חוה: ווי איז דער מאָטיוו, וואס איהר האט צולעצט גע־שפּיעלט? (זינגט) טראַ־לאַ־לאַ!... ניין, עס איז אונמעגליך עס איבערגעבען מיט א מענשליכער שטימע. איך וועל עס פּרובירען אויף דער פּיאַנאָ! (כאפּט ארונטער די הוט פון קאָפּ און טהוט אויס דעם מאַנטעל, ווארפט עס אויף א דערבייאיגען שטוהל.) איך מוז פּרובי־רען, אויב איך וועל עס קענען איבערשפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ!... (זינגט) טראַ־לאַ־לאַ!.. (אָב אין דער מיטעלסטער טהיר.)

וואָלפערט: (אליין, מיט פרייד) ענדליך האט מיין ליעבע גע־זיעגט! גאָטוניו, איך פיהל, אַז זי איז יעצט מיינע, מיינע... (גליק־ליך) איך וועל פערלאָזען די שטאדט, אבער בייניאנד מיט איהר! (עס דערהערט זיך פון זאַל, ווי חוה שפּיעלט דעם מאָטיוו, וואס זי האט

ערשט געזונגען. וואָלפּערט הערט זיך צו און זינגט איהם אויך אין דער שטיל.)

(א טומעל אונטער די פענסטער און א געשריי:
אורראַ, וואָלפּערט! בראַוואָ, וואָלפּערט!)

וואָלפּערט: (טהוט א ציטער) דאס האָבגעשעצטע פּובליקום איז שוין ווידער דאָ! (די געשרייען העכער.)

(חוה לויפט אריין דורך די מיטעלסטע טהיר.)

חוה: וואס איז דאָ?
וואָלפּערט: די זעלבע לייטע, וואס זיינען מיר נאָכגעלאָפען מיט זייערע אורראַס, זיינען יעצט ווידער געקומען. (אונטער די פענסטער געשרייען: „וואָלפּערט, וואָלפּערט!")
חוה: (א גליקליכע) זאָגט זיי א פּאאר ווערטער. זיי זיינען געקומען אייך בעדאַנקען פיר היינטיגען שפּיעלען. (לויפט צו צו א פענסטער.) זעהט נור, דאַמען מיט בוקעטען שטעהען אויך דאָ! (מיט א שמייכעל) זאגט זיי א פּאאר ווערטער, איהר שלעכטער מענש, וואס איהר זייט! אוי, איהר זייט גאָר ניט קיין קאַוואַליער!
וואָלפּערט: יענע דאַמען זיינען ווי פליעגען, מען קען גאָר פון זיי ניט בעפרייט ווערען! (געהט צו צו א פענסטער און עפענט. די געשרייען „אורראַ" ווערען העכער. ער הייבט אויף די האַנד.) מיינע דאַמען און הערען, איך בין גערידהרט פון די ווארימע געפיהלען, וואס איהר דריקט מיר אויס. ליידער אבער בין איך יעצט זעהר מיעד און מיינע נערוועז נעטהיגען זיך אין רוה... היינט אבענד פערלאָז איך אייך. (חוה טהוט זיך א טרייסעל.) איך האָף אבער אין קורצען צו זעהען זיך ווידער מיט אייך. (געשרייען „אורראַ," אין פענסטער פאַלען בוקעטען מיט בלומען. ער פערנייגט זיך.) דאַנקע! אַדיע! (שיקט זיי קושען מיט די הענד. די געשרייען ווערען שטילער, ער מאַכט צו די פענסטער און טהוט א שפּיי.) טפוי, קוים פּטור געוואָרען פון זיי! ווי זיי האבען מיר דערעסען, אי די דאַמען, אי די הערען, מיט זייער זשוזשען!..
חוה: (צולאַכט זיך) איהר גליקליכער מענש, וויפיעל פרויען איהר געפעלט!

וואָלפּערט: און איך וויל געפּעלען נור איין פרוי!

חוה: (בייגט זיך איין און הייבט אויף א בוקעט בלומען, שמעקט.) וואס טהוט מען מיט די בלומען?

וואָלפּערט: ווארפט זיי ארויס, וואס דארפט איהר זיי?

חוה: אונדאנקבארער, דאס האבען דאך אייך געבראכט שעהנע פרויען! פיהלט, פיהלט, ווי פריש זיי שמעקען! (טראָגט צו א בוקעט בלומען צו זיין נאָז.)

וואָלפּערט: איך פיהל דעם דופט נור פון איין שעהנער בלום! (טהוט זי פלוצים א כאפ ביים ארעם.) יעווא, איך פאהר באלד אוועק!

חוה: הא?! (טהוט זיך א טרייסעל און דער בוקעט בלומען פאלט ארויס פון איהרע הענד.)

וואָלפּערט: יעווא, היינט איז מיר קלאָר געוואָרען, אז איהר ליעבט מיך... איהר האט קיין רעכט ניט צו רואינירען אונזערע ביי־דענס לעבען! אייער מאן וועט אָהן אייך אויך גליקליך זיין!... אבער איך, יעווא, איך?... איך קען אָהן אייך ניט לעבען! יעווא!... (כאפּט זי פלוצים ארום ליידענשאפטליך.) דו מוזט זיין מיינע, דו מוזט! איך וועל משוגע ווערען! (קושט זי. מען קלינגט. זיי הערען ניט.)

חוה: (ציטערט אין זיינע ארעמס און קרעכצט) לאָזט! לאָזט! היינט קען איך אייך גאָר נישט ענטפערען... איך בין צומישט... פאהרט נאָך ניט היינט... איך מוז ארומטראכטען... איך קען יעצט ניט... איך האב קיין געדאנקען, קיין קרעפטען... לאָזט! (רייסט זיך ארויס פון זיינע ארעמס, לויפט צו צום פענסטער און דריקט דעם שטערען צו די שויבען.)

וואָלפּערט: אלזא גוט, איך געה! איהר זאָלט אבער וויסען, יעווא, אז מיט מיין היינטיגען שפּיעלען האב איך זיך געזעגענט מיט'ן לעבען!... (זי טהוט זיך א טרייסעל, קעהרט זיך אום מיט'ן פּנים צו איהם, קוקט אויף איהם בליך, מיט גרויסע אויגען, אטהעמט שווער און קלאמערט זיך מיט א האנד אָן וואנד.) מיין לעבען אָהן אייך וועט זיין א גהינום... איך וויל ניט אזא לעבען, איך וויל ניט! (צוואווינט זיך. פּויזע.) אדיע, יעווא, איהר וועט, וואהרשיינליך, געהן בעגלייטען דעם מאן, וועלכער האט אייך אזוי געליעבט, צו זיין לעצטער רוה!.. אדיע!.. (געהט וויינענדיג צום טהיר רעכטס.)

חוה: (קעמפּפט מיט זיך, אטהעמט שווער. פלוצים טהוט זי

זיך א ווארף צו איהם מיט א פערצווייפעלטען געשריי:) וואלפערט! (ער שטעלט זיך אפּ, זי שעפּצעט צושטערט:) וואס ווילט איהר טהאָן?

וואָלפערט: שטארבען!

חוה: (שעפּצעט) ניין, ניין, טהוט עס ניט... איך... איך... (אטהעמט שווער און פּלוצים מיט א פערצווייפעלטען געשריי:) איך קען אָהן אייך אויך ניט לעבען!...

וואָלפערט: (טהוט זיך א ווארף צו איהר) יעוואָטשקאָ! מיין יעוואָטשקאָ!..

חוה: (דריקט זיך צו איהם) איך קען ניט מעהר... איך האב געגוג געקעמפּפּט מיט מיין הארצען, מעהר האב איך קיין קרעפטען ניט... אוי, וואָלפערט, וויפיעל איך האב געליטען!...

(מיימאנאָוו אין טהיר רעכטס, בלייבט שטעהען ווי פערשטיינערט, זיי בעמערקען איהם ניט.)

וואָלפערט: יעצט ווענסטו שוין מעהר ניט ליידען... א ני־לעבען וועט זיך פיר דיר אָנפאנגען, יעוואָטשקאָ! א לעבען, פול ליכט, פרייד און פערגניגען! (קושט זי.) קום, מיר וועלען ערגעץ פאה־רען... מיר וועלען בעטראכטען, ווי אזוי יעצט צו האנדלען.

חוה: (טהוט זיך א כאפּ פיעבערהאפט.) יא, יא, קום! קום! מיין מאן וועט זיך שנעל קענען בערוהיגען, ער איז א שטארקער מענש! איך בין אבער אזוי שוואך, אזוי שוואך, און מיר ווילט זיך אזוי לעבען, מיר ווילט זיך אזוי גליקליך זיין!... וואו איז מיין מאנטעל? (קוקט זיך אום, דערזעהט פּלוצים מיימאנאָוו'ן, טהוט זיך א צאפּעל מיט'ן גאנצען קערפּער.) הא!!! (בלייבט שטעהען ווי פערשטיינערט.)

וואָלפערט: וואס איז געשעהען? (קוקט זיך אויך אום און דערזעהט מיימאנאָוו'ן, טרעט ער אפּ עטליכע טריט צוריק, צומישט.)

מיימאנאָוו: (טרעט ארוים מיט פערשטיקטער אויפרעגונג.) הם! דו זוכסט דיין מאנטעל? ער איז דארט אויפ'ן שטוהל! (טהוט א קוק מיט ביסטרע אויגען אויף וואָלפערט'ן, און מיט געמאכטער רו־היגקייט אין קול:) יונגערמאן, איך וויל יעצט עפּעס רעדען מיט דער פרוי, וואס טראָגט מיין נאָמען.... ווילט איהר אזוי גוט זיין...

וואָלפּערט: (קומט צו זיך) דאָקטאָר, וועט איהר ערלויבען מיר צו זאָגען אייך א פּאאר ווערטער?

מיימאנאָוו: ניט נעטהיג. איך וויל ניט הערען אייערע ווער־טער. עס איז מיר גענוג, אז מיין פרוי האט אייערע ווערטער געהערט. נו, איך בעט אייך, ווי א זשענטעלמאן...

וואָלפּערט: איך קען יעצט ניט איבערלאָזען אליין יעווא אב־ראמאָוונא'ן!

מיימאנאָוו: (אויפגערעגט) אליין? ווי וואגט איהר אין מיין הויז? (בעהערשט זיך) יונגערמאן, איך בעט אייך נאָך אמאָל... פיעלייכט, ווייסט איהר, אז מען טאָר זי אליין ניט איבערלאָזען... אבער איך בין נאָך דערוויילע איהר מאן... אם וועניגסטען פיר די וועלט בין איך איהר מאן!.. זייט אזוי גוט! (ווייזט איהם מיט דער האנד אויף די טהיר.)

חוה: (טהוט זיך א ווארף צו איהם און ציטערט מיט'ן גאנצען קערפּער.) מאַאיסעי, דו ביזט א קלוגער, אן עדעלער, א שטארקער, פערשטעה, אז מיר זיינען ניט שולדיג, ניט איך און ניט וואָלפּערט! מאַאיסעי, ווען דו זאָלסט וויסען, וויפיעל איך האב געקעמפּפט און געליטען.... אוי, פערשטעה מיך, מאַאיסעי, פערשטעה מיך!

מיימאנאָוו: איך פערשטעה יעצט גאָר נישט, גאָר נישט... איך פערשטעה נור יעצט, אז איך מוז זיין זעהר א גרויסער נארר, ווען דער ערשטער בעסטער אוואנטיוריסט, שארלאטאן, האט געקענט אין מיין הויז קומען און...

חוה: מאַאיסעי, רעד ניט אזוי פון וואָלפּערט'ן! רעד ניט... און ווען דו וועסט אזוי רעדען, וועל איך דיך מעהר ניט הערען... איך ליעב איהם, דו הערסט, מאַאיסעי? איך ליעב איהם ביז משוגעת!..

מיימאנאָוו: (אויפגערעגט) דו ליעבסט איהם, איך זעה, איך זעה! ניט דו ביזט די ערשטע פרוי, וואס אן אוואנטיוריסט האט משוגע געמאכט! כא, כא, כא!

וואָלפּערט: (אויפגערעגט) דאָקטאָר, איהר האט קיין רעכט ניט מיך אנצורופען מיט אזוינע שענדליכע נעמען! איך בין ניט קיין אוואנטיוריסט, נור א קינסטלער! דאָקטאָר, מיין נאמען איז וואָל־פּערט, און די וועלט ווייסט, ווער וואָלפּערט איז! דאָקטאָר, איידער איהר האט נאָך געקענט יעווא אבראמאָוונא'ן האבען מיר געליעבט

איינער דעם אנדערן... איהר האט זי קיינמאָל ניט געליעבט מיט אזא פייער ווי איך, קיינמאָל ניט! איהר זייט אין אייער פאָלק פערליעבט, אין אייערע אידעען און אידעאַלען, פיר וועלכע איהר וואָלט זי אויפ־געאָפּפערט, איך וואָלט אבער אַלעס אויפגעאָפּפערט פיר איהר, מיין מוזיק מיט מיין לעבען צוזאמען! (די טרערען שטיקען איהם.) און יעצט פערלאָז איך אייך... נור איידער איך פערלאָז אייך, וויל איך זאָגען נאָך אמאָל, וואס איך האב פריהער געזאָגט: איך וויים, אז יעוואַ'ן איז שווער זיך צושיידען מיט אייך... איך וויים, ווי טיעף זי רעספּעקטירט אייך, כמעט ביז פערגעטערונג. זי וועט יעצט אויך קיין מיטלייד האבען מיט מיר, ווי דאָן מיט ניין יאהר צוריק. זאָל זיין אזוי!.. אבער מיין טויט וועט אייך איבערציייגען, ווי ערנסט איך האב זי געליעבט, אז איך בין ניט קיין אוואנטיוריסט! אדיע!.. (אָב מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ אין טהיר רעכטס.)

חוה: איך געה אויך. (טהוט אָן דעם מאַנטעל און נעהמט די הוט אין די הענד.)

מיימאנאָוו: (וואס שטעהט ביים טיש טהוט זיך א טרייסעל, כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד אָן טיש.) דו געהסט טאַקי צו איהם?

חוה: (מורמעלט) ער וועט שטארבען, און איך קען אָהן איהם ניט לעבען!

מיימאנאָוו: (טהוט זיך א וואָרף צו איהר.) חוה'לע, וואס ווילסטו טהאָן?! בעזין זיך!

חוה: מיין גאַנצער זינען איז פערנומען מיט איהם און נור מיט איהם אליין!

מיימאנאָוו: (אויפברויזענד) אבער וואס איז עס? מיט איינמאָל, פּלוצים?! ערשט האב איך געהאַט א פרוי, וואס האט גע־פיהלט מיט מיר, וואס האט געדענקט מיט מיר, ביי ועמען איך בין טהייערער געווען אלס איהר פאטער, איהר שוועסטער און איהרע בע־סטע פריינד, און מיט איינמאָל אזא בעטרוג! (קלאַפּט אין טיש.) און הינטער מיין רוקען איז דאס אַלעס פאָרגעקומען, הינטער מיין רו־קען! (טהוט זיך ווידער א וואָרף צו איהר, מיט געבעט:) חוה'לע, אבער פארוואס? ליעב איך דיך ניט? האב איך דען ווייניג דיך געליעבט?

(ישראל'קע אריין פון מיטעל טהיר אין א יארמאָלקע
מיט דער פיפקע אין מויל, בלייבט שטעהען
אין טהיר.)

חוה: איך האב פיר די לעצטע דריי יאהר דיין ליעבע ניט געפיהלט, איך האב נור געפיהלט, ווי דו ליעבסט דיין פאָלק!

מיימאנאָוו: און דאָך ביזטו גליקליך געווען מיט דיין שלעכטען מאַן, דו האָסט עס דאָך פיעל מאָל אליין געזאָגט.

חוה: איך האב געדענקט, אז איך קען זיין גליקליך מיט דיין גליק, יעצט אבער פיהל איך, אז איך מוז מיין אייגענעם גליק האבען, אום צו זיין גליקליך...

מיימאנאָוו: נו, זאָג, וואס זאָל איך טהאָן, אום דו זאָלסט זיין גליקליך?

חוה: נעכטען האב איך דיך געבעטען, דו זאָלסט דאס פייער פון מיין הארצען לעשען, דו זאָלסט מיט מיר ארויסגעהען פערברענגען אין געזעלשאפט, אום איך זאָל זיך קענען פערגעסען... היינט אבער... צו שפעט!...

מיימאנאָוו: (פאַלט אויף א שטוהל און קרעכצט.) יא, יא, איך געדענק... דו האָסט עס מיר געזאָגט... איך האב אבער דיך ניט פערשטאַנען. (קרעכצט) ווי בלינד איך בין געוועזן! (שפרינגט אויף.) נו, פערפאַלען! אבער יעצט... וואס קען איך יעצט טהאָן, דו זאָלסט ווידער זיין צופריעדען מיט מיר?

חוה: צושייד זיך מיט מיר...

(ישראל'קע טהוט א ציטער, די פיפקע פאַלט ארויס
פון זיין מויל.)

מיימאנאָוו: צושיידען זיך? כא, כא, כא! (לאָזט זיך וויעדער ארונטער אויפ'ן שטוהל, קוקט מיט גרויסע אויגען אויף איהר און לאַכט אויפגערעגט.)

ישראל: (צושראָקען לויפט צו צו זיי.) וואס איז עס, משה'ניו, חוה'לע?..

מיימאנאָוו: דו הערסט דאָך, טאַטוניו! זי וויל זיך מיט מיר גט'ן!

ישראל: וואס?! דו מאכסט שפאס פון דיין אלטען טאטען, משה'ניו? (לאכט געצוואונגען.) כא, כא, כא! חוה'לע וויל א גט!

מיימאנאָוו: (שטעהט אויף.) חוה'לע, רעד ניט קיין דומהייטען! דו וועסט ניט רואינירען דיין פאמיליען-לעבען, דו וועסט איהם פערגעסען! אמאָל האָסטו איהם געקענט פערגעסען, יעצט אז דו וועסט וועלען, וועסטו איהם ווידער פערגעסען!

חוה: איהם פערגעסען, סיידען אין קבר! איך האב איהם דאן, מיט ניין יאהר צוריק, אויך אזוי לייכט ניט פערגעסען, ווי דו דענקסט, און יעצט קען איך איהם אודאי ניט פערגעסען. איך ליעב איהם מיט יעדען טראָפּען פון מיין בלוט... (מיט א יאמער.) מאאיסעי, דו וועסט מיך קענען פערגעסען, ביי דיר זיינען דאָ אנדערע אינטערעסען אין לעבען... איך האב אבער נור איהם אליין! מאך מיך פריי!

ישראל: אוי, אוי, חוה'לע, חוה'לע! וואס איז עס, משה'ניו? (וויינט און ווישט זיך די אויגען מיט'ן ארבעל פון בגד.)

מיימאנאָוו: כא, כא, כא! דו ווייסט, טאטוניו, ווער ער איז, פיר ווענען זי פערלאָזט מאן און קינד? וואָלפערט איז דאס!

ישראל: (מיט א יאָמער.) דער כלי זמר?! אוי, אוי, ניט אומזיסט האב איך איהם פיינד געהאט שנאת מות... (טהוט זיך א וואָרף צו איהר.) חוה'לע, מיט משה'ניו'ן ווילסטו זיך גט'ן צוליעב דעם כלי זמר! אוי, אוי, אוי, טאָכטערל! (כאפּט איהר האנד, קושט זי און יאָמערט.)

חוה: (רייסט ארויס די האנד, מיט א יאָמער.) איך קען אבער ניט! מאָאיסעי, שיינדעלע'ן וועל איך צו זיך נעהמען!

מיימאנאָוו: וואס?! (אויפברויזענד) מיט שיינדעלע'ן זאָל איך זיך אויך גט'ן, מיט מיין קינד?! כא, כא, כא! טאָ, הער זשע אוים, אברהם'צע שיינקמאן'ס טאָכטער, באָרים'עס שוועגערין דו, הער זשע אוים! דו האָסט געוואָלט, אז צוליעב דיר זאָל איך פערגעסען מיין פאָלק, טאָ זאָלסטו וויסען, אז דער איד, וואס פערגעסט זיין פאָלק צוליעב א פרוי, מעג זי זיין א אידישע, צו ניט א אידישע, יענער איד איז א משומד, און דאָקטאָר מיימאנאָוו וועט קיין משומד ניט זיין! געה, דו קענסט געהען! איך האב דיך יעצט דערקענט!...

חוה: (טהוט אָן די הוט.) איך געה!..

מיימאנאָוו: (פערצווייפעלט מיט טרערען אין קול:) געה! געה!

(חוה אָב רעכטס.)

ישראל: וואוהין שיקסטו, חוה'לע, גזלן, היער דו?! (לויפט נאָך נאָך איהר מיט א געוויין.) חוה'לע, טאָכטערל, האב רחמנות! (אָב נאָך איהר.)

מיימאנאָוו: (אליין.) זאָל זי!.. זאָל זי!.. (פאַלט צו צום טיש און קרעכצט.)

(פויזע. עס דערהערט זיך א ווייטער טומעל און א שיסעריי.)

(זאַכאַר לויפט אריין א בלייכער פון טהיר רעכטס.)

זאַכאַר: וואו איז דער דאָקטאָר? (דערזעהען איהם, לויפט ער צו צו איהם.) דאָקטאָר, שנעל! א פּאָגראָם! ערגער נאָך ווי אין קישינעוו!

מיימאנאָוו: (שפּרינגט אויף.) וואס?! (קוקט אויף איהם צושראָקען.)

זאַכאַר: אויף דער דריטער גאַס פון אייך בושעוועט ער שוין! סאָלדאטען מיט כוליגאנעס שעכטען אוים אידען... בערג מיט הרוגים! מען שלאָגט צוועקעס אין די קעפּ. מען ווארפט אידישע עופה'לאך פון די פענסטער. מען פערגוואַלדעוועט אידישע מאמעס, אידישע טעכטער! שנעל, וואו זיינען די פּיסטאָלעטען? (פאַלט אויף א שטוהל.)

מיימאנאָוו: (זינקט ביים טיש.) וואס רעדט איהר? וואס רעדט איהר? מיין גאָט! אָט איז אייך דער מאניפעסט, די פריי־הייט! (שפּרינגט אויף.) זאָל מען זיך בעוואפענען! זאָל מען זיך ניט לאָזען אויסקוילענען, ווי שעפּעלאך! (מיכאאיל, אַרציק'ל און נאָך אנדערע לויפען אריין פון טהיר רעכטס. דאס שיסען שטארקער און אָפטער.) אהער! אהער! דאָ איז דאס געוועהר! (לויפט אריין אין טהיר לינקס. אלע נאָך איהם. באלד לויפען זיי אלע צוריק ארוים מיט פּיסטאָלעטען און פערשווינדען אין טהיר רעכטס. מיימא־נאָוו כאַפּט אָן מיכאאיל'ן:) הערר מיכאאיל, אייערע רוסישע חברים

קענען יעצט ווייזען, וואס זיי מיינען מיט אינטערנאציאָנאַלע סאָלי-דאריטעט...

מיכאאיל: זיי וועלען ווייזען, דאָקטאָר! פערגעסט ניט, דאָק-טאָר, ביי אייך אין הויז וועט זיין אַ פערעוויאַזאַטשני פּונקט פיר די פערוואונדעטע! (לויפט ארוים רעכטס.)

(דאס שיסען שטאַרקער.)

מיימאנאָוו: אליין. לויפט צו צום פענסטער. מען קוילעט, מען שעכט מיין פאָלק אָהן אַ סוף און אָהן אַן אויפהער!

(ישראל לויפט אריין פון טהיר רעכטס.)

ישראל: (כליפּעט.) אוי, וואס וועלען לייט איצט זאָגען! משה'ניו, זי איז דאָך אַוועקגעפאהרען אויף אַ איזוואָשציק! לויף צו איהר טאַטען, דערצעהל איהם, ער וועט זי ברענגען צוריק אהיים!

מיימאנאָוו: פון וועמען רעדסטו יעצט, טאַטוניו?

ישראל: (מיט געוויין.) פון וועמען זאָל איך רעדען, זוהנוניו? פון חוה'לען, משה'ניו! געה, רוף זי צוריק, בעט זי!

מיימאנאָוו: פון חוה'לען? כאַ, כאַ, כאַ! אוי, טאַטוניו, ווי קענסטו יעצט רעדען פון חוה'לען? נו, אז זי וואָלט געשטאָרבען אז שיינדעלע און איך וואָלטען צוזאמען מיט איהר געשטאָרבען, וועל-כער איד וואָלט אַ רעכט געהאַט צו רעדען יעצט פון אונזער טויט, ווען אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק, טרינקט זיך אין אַ ים פון בלוט?! וואס פיר אַ ווערדע האט דער פאָגראָם אין אונזער קליינער פאמיליע געגען דעם שענדליכען, אונמענשליכען פאָגראָם אויף דער גרויסער פאמיליע פון אונזער גאַנצען אידישען פאָלק?! אוי, טאַטוניו, דו ביזט גאָר קיין איד ניט, גאָר קיין איד ניט!...

ישראל: משה'ניו, וואס רעדסטו?!

מיימאנאָוו: ווייסטו, אז עס האט זיך אָנגעהייבען אַ נייער פאָגראָם?!

ישראל: (צושראָקען) אַ פאָגראָם? וואו?! (אַ שטאַרקע שיסעריי.)

מיימאנאָוו: דו הערסט, דו הערסט, ווי די מחבלים ארבייטען

דאָרט ? ! טאַטוניו, ווידער גיסט זיך אידישעס בלוט ! ווידער קלאפט מען אָן די געמויערטע ווענד די קעפעלאך פון אונזערע אונשול־דיגע עופה׳לאך, ווידער ברענען די שטיינער מיט דעם מארך פון אונזערע קינדערלאך ! (שיסעריי זעהר שטארק.) אך, וואס פיר א העלישעס שיסעריי ! טייוואָלים און מחבלים פון גהינום האבען זיך אויף אונז ארויפגעוואָרפען !... זיי ווילען אונז אויסקוילענען, אין גאנ־צען אונז אומברענגען, אין גאנצען ! (כאפט א רעוואָלווער.) זיי גע־זונד, טאטוניו !

ישראל : וואוהין לויפסטו, משה׳ ניו ?

מיימאנאָוו : צו פערטהיידיגען מיין פאָלק און צו שטארבען פאר איהם !... (לויפט ארוים רעכטס.)

(פאָרהאנג.)

פיערטער אקט

דער זעלבער עסס־צימער ביי דאָקטאָר מיימאנאָוו אין הויז. אין א שטונדע ארום. דאס הויז איז פערוואנדעלט אין א „פערעוויאזאָטשני פונקט.״ מען טראָגט אהין אויף נאָסיל־קעס פערוואונדעטע. דאָקטאָר מיימאנאָוו אין א ווייסען כאלאט, זעהט אוים רוהיג. א פאאר יונגע לייט און מיידלאך, מיט ווייסע פארטיכער, סאניטארען, לויפען ארום הין און צוריק, דורך די טהיר לינקס, וואוהין מען טראָגט די פערוואונדעטע. אין די ווינקלאך זיצען אלטע פרויען, אלטע אידען, קינדער, וואס זיינען געקומען אהער זיך בע־האלטען. די אלטע זיצען מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ און פערבראָכענע הענד. די קינדערלאך, מיט צושראָקענע אוי־גען, דריקען זיך צו די פרויען. ישראל׳קע זיצט ביי דער מיטעלסטער טהיר, נעבען איהם שיינדעלע, מיט א צושראָ־קען פנים. ניט ווייט פון זיי זיצט שמערל, דער שניידער, שאָקעלט זיך מיט׳ן גאנצען קערפּער הין און צוריק, טענה׳ט עפּעס אין דער שטיל און כליפּעט. ארום איז שטיל, א שרעקליכע שטילקייט, וואס ווערט איבערגעריסען פון צייט צו צייט פון א פערצווייפעלטען „אוי, מאמא!״ פון די פער־וואונדעטע, וואס ליגען אין צימער לינקס.

מיימאנאָוו: עס איז שטיל געוואָרען אויף א ווייל. די מחבלים פון גהינום רוהען זיך אָפּ פון זייער בלוטיגער ארבייט!...

שמערל: (כליפּעט) ווי ווילדע, בלוטדורשטיגע חיות זיינען זיי געקומען, האבען אפריהער חרוב געמאכט אלעס, אלעס אין מיין שטי־בעל, אפילו דעם דאך פון בוידעם האבען זיי אויפגעריסען. נאכדעם...

נאכדעם... גאָטוניו, זוי אזוי האָסטו עס געקענט צוקוקען? ! וואו איז דיין רחמנות? דיין יושר? (וויינט אויפ'ן קול.) זי איז דאָך געווען נאָך אַזאַ יונג קינד, מיין חייקעלע, ערשט 17 יאהר אַלט, און מען האט זי צושניטען אויף שטיקער, אברים־ווייז האט מען זי צור־שניטען... אפריהער האבען זיי איהר מטמא געמאַכט... דאַן האבען זיי איהר צושניטען, צוהאַקט... וואָלט איהר זעהען? א פוס דאָ און א האַנד דאָרט, און דעם קאָפּ איהרען האט מען אין גאַנצען אין בלאָטע אריינגעוואָרפען! אפילו צו קבר ישראל וועט זי ניט קומען, מיין חייקעלע, מיין איינציג קינד, דער שוואַרץ־אַפּעל פון מיינע אוי־גען! גאָטעניו, פארוואס האבען זיי מיך בעסער ניט דער'הרג'עט... וואו איז דיין רחמנות, דיין יושר? דו ביזט דאָך עפּעס אַן אל מלא רחמים? (די ארומיגע הייבען אָן צו כליפּען און קרעכצען. מיימאנאָוו ווישט די אויגען.)

ישראל: (פּלוצים מיט טרערען, הייבט זיך אויף מיט דער האַנד אין דער הויך, און מיט עקסטאַז:) גאָטוניו, 45 יאהר בין איך געשטאַנען פיר דיר א שליח צבור פון דיינע קינדער, גערעדט צו דיר מיט'ן הארצען, מיט דער נשמה, מיט אַלע מיינע אברים, רחמנות געבעטען פיר זיי, דיינע קינדער, לייטזעליגקייט, חיונה און לעבען. גאָטוניו, אבינו שבשמים, וואו איז איצט דיין רחמנות צו דיינע קינ־דער? ווי לאָזט דו, זיי זאָלען אויסגעקוילעט ווערען פון רוצחים אין מיטען העלען טאָג? (זעצט זיך ווידער אויפ'ן דרערד, וויינט און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.)

צפורה: (פון לינקס מיט א משוגענעם געלעכטער) כאַ, כאַ, כאַ!...

ישראל: הערסט, משה'ניו? צפורה לאַכט שוין ווידער. פון שרעק איז זי געבאַך פון זינען אראָפּ... אוי, מיר דאַכט זיך, איך וועל באַלד אויך פון זינען אראָפּ!

מיימאנאָוו: טאַטוניו, בערוהיג זיך. איהר מוזט אַלע יעצט זיין רוהיג... קיין טענה'ן און קרעכצען וועט אונז ניט העלפען!

(צפורה מיט צוּוואָרפענע האאר און משוגענע אויגען לויפט אריין פון לינקס.)

צפורה: איהר הערט? איהר הערט, ווי גאָט לאַכט? ! כאַ, כאַ, כאַ! אין מינקע גינזבורג׳ס הויז זיינען קליינינקע מלאכים׳לאַך געפלויגען דורך די פענסטער... וואָלט איהר זעהען? מלאכים׳לאַך, ווי ווייסע טייבעלאַך, האבען זיך געדרעהט אין לופטען מיט די גאָל־דענע, מחיה׳דיגע קעפעלאַך אראָפּ!.. און אונטען האבען געטאַנצט שדים און רוחות... האבען זיי אונטערגעכאַפּט די מלאכים׳לאַך און האבען די גאָלדענע קעפעלאַך געקלאַפּט אָן די שטיינער: טראַ־אַך־טראַ־אַך... (ווייזט מיט די האנד) און די קעפעלאַך האבען גענומען שפּריצען מיט רויטען פייער, און אלעס האט זיך אָנגעצונדען מיט א רויטען פייער, אי די ערד, אי די מויערען, אי די שדים, אי דער הימעל, רויט, רויט, רויט! פלאַם פייער, פלאַם פייער, א מורא׳דיגע שרפה... און די שדים האבען גענומען טאַנצען און שפּרינגען פיר די אויגען און לאַכען, און גאָט אליין האט אויך אראָפּגעקוקט פון הימעל, האט געררו־פען צו זיך די מלאכים׳לאַך מיט די רויטע, פייערדיגע קעפעלאַך און האט געלאַכט... וואָלט איהר הערען א לאַכען! (לאַכט משוגע.) כאַ! כאַ! כאַ!...

מיימאַנאָוו: (געהט צו צו איהר.) צפורה, איהר דערקענט מיך? ווי רופט מען מיך?

צפורה: (משוגע) קום אויפ׳ן גאַס, וועסטו הערען ווי גאָט לאַכט! כאַ! כאַ! כאַ!

מיימאַנאָוו: קומט, ארעמע צפורה, איך וועל געהען מיט אייך אויפ׳ן גאַס! (ווינקט צו די סאַניטאַרען.) מען מוז זי היטען, האַלטען זי אין צימער לינקס, ניט מיט די פערוואונדעטע! (געהט מיט איהר ארויס אין טהיר לינקס, א סאַניטאַר נאָך זיי.)

ישראל: רבונו של עולם, איך וועל היינט אויך משוגע ווערען... וואו איז איצט חוה׳לע, צו האט מען זי אויפ׳ן וועג אויך ניט דער־הרג׳עט?!..

(פויזע. עס ווערט שטיל. פּלוצים דערהערט זיך א ווילדער טומעל פון דרויסען, א פייפען און א קוויטשען: הי־הי־אוּ־אוּ־הי־הי! דאַן א בראַזגען פון שויבען, א שיסע־ריי, דאַן ווערט ווידער שטיל.)

ישראל: אוי, זיי זיינען שוין דאָ ניט ווייט! (די מענער און פרויען און קינדער דריקען זיך טיעפער אין די ווינקלאַך.)

שיינדעלע: אוי, זיידוניו, איך האב מורא, זיי וועלען אונז אויך הרג'ענען! וואו איז מאַמאַ? (וויינט.)

ישראל: שאַ, שאַ, שיינדעלע, די מאַמע איז גאַנץ. זי איז אוועק צו דיין זיידען אברהם'צע! אוי, אַ בראָך איז צו מיר, אוי, אַ וועהטאָג איז צו מיר! אידען, זאָגט מיט מיר תהלים! (מיט געוויין) אלי, אלי, למה עזבתני? רחוק מישועתי, דברי שאגתי, אלהי אקרא יומם ולא תענה! (אַלע מיט שיינדעלע'ן זאָגען נאָך.)

(מיימאַנאָוו לויפט אריין פון טהיר לינקס.)

מיימאַנאָוו: זיי ארבייטען שוין אויף דער גאַס! עלטערע אידען, ווייבער און קינדער, געהט אַלע אריין אין זאַל! לעגט זיך אוים אויפ'ן פאָדלאָגע, ווייל די סאָלדאַטען שיסען אויך אין די פענסטער! (אַלע הייבען זיך אויף מיט אַ יאָמער און געהען אָב אין דער מיטעלסטער טהיר, אויסער ישראל'קע מיט שיינדעלע'ן און די סאָניטארען.)

ישראל: איך וועל דאָ בלייבען לעבען דיר, משה'ניו.

(חוה לויפט אריין אַ בלייכע פון טהיר רעכטס.)

שיינדעלע: (טהוט זיך אַ וואָרף צו איהר) מאַמאַ!

חוה: מיין קינד! איהר לעבט? (טהוט זי אַ כאַפּ אויף די הענד מיט אַן אימפּעט.)

ישראל: אוי, חוה'לע איז דאָ צוריק!

(מיימאַנאָוו בלייבט שטעהען צומישט מיט די אויגען אויף חוה'ן.)

חוה: (לאָזט ארונטער שיינדעלע'ן פון די הענד און געהט צו צו איהם.) מאַאיסעי, פערגיעב מיר! איך בין צוריקגעקומען אהיים, דיין פרוי... איך האב דערזעהען, אז ניט אומזיסט האָסטו אזוי פיעל געטראַכט פון דיין אונגליקליך פאָלק. פאר די שטונדע, זייט די שטע־רעריי האט זיך אָנגעפאַנגען, פיהל איך אַ גהינום אין מיין הארצען... איך האב דערפיהלט, וואס פיר אַ העסליכע עגאָאיסטקע איך בין, ווען

אין אזא צייט קען איך טראכטען פון מיין אייגענעם, פון מיין פער־זענליכען גליק... פערגיעב מיר, מאַאיסעי!..

מיימאנאָוו: (פאַלט צו צו איהר האנד, קושט, און צובליפעט זיך.) איך דאַנק דיר... איך דאַנק דיר, חוה'לע! (ישראל'קע דריקט צו צו זיך שיינדעלע'ן און בליפעט אויך.) יעצט האָסטו געוויעזען, אז דו ביזט מיין פרוי, א אידישע פרוי! דאס איז דער איינציגער ליכ־טיגער שטראהל אין דיעזען בלוטיגען חושך, וואס עס דערמאָהנט די פערבלאַנדזשעטע אידען, אז זיי זיינען אידען. אָה, חוה'לע, אזוי ווי דער פאָגראָם האט דיך צוריקגעבראכט צו דיין מאַן, אזוי וועט ער צור־ריקברענגען א סך, א סך פערבלאַנדזשעטע אידישע קינדער צוריק צו זייער פאָלק. איך דאַנק דיר, חוה'לע, איך דאַנק דיר!

ישראל: און איך אויך, מיין טאָכטער! (קושט איהר אין פלייצע און וויינט.)

(ווידער דאס פייפען און קוויטשען: הי־הי־א־או־הי־הי־א־או! א שטארקעם שיסעריי.)

מיימאנאָוו: (טהוט זיך א טרייסעל. חוה וויינט.) געה, חוה'לע, מיט'ן קינד אין זאַל און דו, טאַטוניו, אויך!

חוה: איך וועל דאָ בלייבען לעבען דיר, מאַאיסעי!

מיימאנאָוו: ניין, ניין, איך וועל ניט קענען רוהיג ארבייטען, ווען דו וועסט זיין נעבען מיר. געה, חוה'לע, געה! איך בעט דיך! (קושט זי אין שטערען.)

חוה: גוט, איך געה! קום, שיינדעלע!... (אָב מיט איהר אין דער מיטעלסטער טהיר.)

מיימאנאָוו: (בעגלייט זי מיט די אויגען, טהוט א טיעפען זיפץ.) יא, טאַטוניו, חוה'לע איז פאָרט מיין גוטע, מיין עהרליכע חוה'לע!

(זאכאַר מיט א סאניטאר טראָגען אריין פון טהיר רעכטס אַרציק'ל אויף א נאָסילקע.)

זאכאַר: דאָקטאָר, אַרציק'ל פון „קליינעם בונד," א סאָלדאט האט איהם געשאָסען!

אַרציק'ל: (אין דעליריאום) זעהט, זעהט, מען שלאָגט דער

פרוי טשוועקעס אין די אויגען... שיסט דעם כוליגאַן !.. גיעב מיר דעם פּיסטאָלעט ! אוי, אוי, אוי !... (קרעכצט, מען טראָגט איהם אָב אין טהיר לינקס. דאָקטאָר מיימאנאָוו נאָך זיי.)

ישראל : (אליין) אלי, אלי, למה עזבתני ? רחוק מישועתי דברי שאגתי...

(אברהם'צע שיינקמאַן לויפט אריין.)

אברהם'צע : וואו איז מיין טאָכטער ? וואו זיינען זיי אלע ? שנעל !

ישראל : אָט איך רוף איהם, ר' אברהם'צע ! (אָב לינקס.)

אברהם'צע : (אליין, לויפט צו צום פענסטער.) אוי, אוי, אוי, מען וועט אלע אידען אויס'הרג'ענען ! אבער דער פּאָליצמייסטער האט מיר גיזאָגט ! כאָטש מיינע אייגענע קינדער ראטעווען ! וואו זיינען זיי ? די סאָלדאטען, וואס דער פּאָליצמייסטער האט מיר געגעבען צו בעגלייטען, קענען נאָך אוועקגעהען, דאַן וועט מען מיך אויך הרג'ענען! וואו זיינען זיי ? שטעהען זיי נאָך ? (עפענט דאס פענסטער.) סטאָיטע, מילענקיע, יאַ וואַם יעשצאָ פּיאטאָרקו דאם נאַ וואָדקו ! (מאַכט צו די פענסטער.) וואו זיינען זיי ? (שרייט) חוה'לע ! מאָאיסעי !

(חוה'לע לויפט אריין פון מיטעלסטער טהיר,
שיינדעלע נאָך איהר.)

חוה : דו, פּאַפּאַ ?

אברהם'צע : אויף גיך קום צו מיר ! וואו איז דיין מאַן ? מיין הויז וועט מען ניט טשעפּען. דער פּאָליצמייסטער האט סאָלדאַטען געשטעלט היטען, שנעל קום !

חוה : איך וועל אָהן מאָאיסעי'ן ניט געהען. און ער וועט די פערוואונדעטע דאָ ניט איבערלאָזען !..

אברהם'צע : קום, רעד ניט, זיי ניט קיין פילאָזאָפקע ! מען וועט דיך דער'הרג'ענען ! (מיט א יאָמער.) גזלנים, וואס האט איהר זיך אָנגעזעצט אויף מיר ? פארוואס זייט איהר מיר מקצר די יאָהרען ? ! קום ! די סאָלדאטען וועלען באַלד אוועקגעהען, וועט מען מיך אויך דער'הרג'ענען !

(מיימאנאָוו פון לינקס, הינטער איהם ישראל'ק.)

מיימאנאָוו: וואס פערלאנגט דער שווער?

אברהם'צע: מאָאיסעי, הארציגער, האב רחמנות! קום מיט דיין ווייב און קינד צו מיר אהיים. ביי מיר וועט מען אייך ניט טשעפען. דער פאָליצמייסטער האט אוועקגעשטעלט סאָלדאטען היטען מיין הויז.

מיימאנאָוו: פארוואס, שווער, נעהמט איהר ניט אריין אלע אידען אין אייער הויז? פארוואס זעהט איהר ניט, אז אייער פריינד דער פאָליצמייסטער זאָל אוועקשטעלען סאָלדאטען לעבען יעדען אידישען הויז? פארוואס נעהמט איהר זיך ארויס פון דעם כלל ישראל? געהט, איהר זייט אויך א טהייל פון יענע כוליגאנעס, געהט!

אברהם'צע: גזלן, וואס פילאָזאָפירסטו איצט מיט מיר? קום, מען וועט דיך דער'הרג'ענען!

מיימאנאָוו: איך וועל ניט געהען צו אייך, איך בלייב דאָ נעבען די פערוואונדעטע און צוקאליעטשעטע פון מיין פאָלק.

אברהם'צע: און דו, מיין טאָכטער?

חוה: איך בלייב נעבען מיין מאַן!

אברהם'צע: (מיט א יאָמער.) האב רחמנות איבער דיין אלטען טאטען, טאָכטער מיינע!

חוה: נעהם מיט זיך שיינדעלע'ן...

אברהם'צע: דו קום אויך, האב רחמנות!.. (א סאָלדאט קלאפט אָן מיט'ן ביקס אין פענסטער, אברהם'צע טהוט זיך א צאפּעל.) אוי, דאס רופט מען מיך! מיינע שומרים געהען אוועק! (טהוט א כאפּ שיינדעלע'ן אויף די הענד און וויינט.) קומט, איך וועל אייך דערפאר נאכדעם געבען, וואס איהר וועט נור אליין פון מיר פערלאנגען... (סאָלדאט קלאפּט ווידער.) וואָט סעיטשאס, מילענקיע, דאס וואס יעשצאָ פּיאָטארקו נאָ וואָדקו!... פילאָזאָפען, גזלנים, קיין הארץ האט איהר ניט, קיין רחמנות! (לויפט ארויס מיט שיינדעלע'ן אויף די הענד אין טהיר רעכטס.)

מיימאנאָוו: יעשצאָ פּיאטארקו נאָ וואדקו, מילענקיע! אָה, וואס פאר א מילענקיע זיי זיינען! זיי לאָזען שלאָגען צוועקעס יענע

אידען און ניט מיר, אברהם'צע שיינקמאַן... אָה, זייט פערפלוכט אזוינע פּיאַטאָרקע־געבערס, זייט פערפלוכט!... (צו חוה'ן:) חוה'לע, געה אריין אין זאַל, איך בעט דיך... (זי אָב, וויינענדיג.)

(מיכאַאיל פון טהיר רעכטס, א בלייכער, אָהן א היטעל.)

מיכאַאיל: דאָקטאָר, מיר זיינען פערלאָרען!... אונזערע חברים פון זעלבסט־שוטץ קענען ניט איינשטעהען געגען די קוילען...

מיימאנאָוו: (מיט א קרעכץ.) וואס קען איך העלפען? איך האב נור איין לעבען אָפּצוגעבען! (פּלוצים מיט ביטערניש:) מיכאַאיל, וואו זיינען אייערע בלינאָוו'ס? וואו האבען זיי זיך בעהאַלטען? אדער קוקען זיי זיך צו צו דער נאַציאָנאַלער אידישער דראמא און טראַכטען, אז דאס איז ניט זייער דראַמע?! (מיכאַאיל לאָזט ארונטער דעם קאָפּ און שווייגט. פון דרויסען דערהערט זיך א ווילדער רעווען און פייפען, א קלינגען און בריאַזגען פון שויבען — הי — הי — א — אַ — הו — הו!! — דזשענג! — דזשענג! דאַן צפּורה'ס משוגענער געלעכטער פון צימער לינקס: „און גאָט לאַכט! כאַ! כאַ! כאַ! און גאָט לאַכט!... מיימאנאָוו קוקט פאר זיך געבראָכען, הילפלאָז, און מורמעלט: יא, און גאָט לאַכט!...)

(פאָרהאַנג.)

אויגוסט, 1906, ברוקלין, ניו־יאָרק.